זעכצענטער יאָר

№ 47

"CZENSTOCHOWER CAJTUNG". פרייז 20 גראָשן.

טשענסטאָכאָווער צייטונג

Piątek 19 listopada 1937 — ליכט-צינדען 3.28 — פרייטאג פ' וישלח ט"ו כסלו תרצ"ח

דאס איינציגע יודישע בלומען = געשעפט
לייב ווישינסקי, אַלעע 38

מאַכט בעקאַנט, אַז אונזער פירמע האט א גרויסען אויסוואהל פון פערשידענע

שניט=בלומען, כריזאַנטעמען א. ז. וו., אלעראַרט דעקאָראַציעס, בוקעטען צו האָכצייטען און פערלאָבונגען, אויך זשאַרדיניערקעס = בלומען ווערען אויסגעפיהרט עסטעטיש און פונקטליך.

אויך בעזיצען מיר אַלערליי טרויער קרענץ.

געדענקט די אַדרעס: **לייב ווישינסקי, אַלעע 38 №**

בעמערקונג: אונזערע געעהרטע קליענטען ווערען ערטיילט אומזיסטע פאַכמענישע עצות.

ס'ווערט געזוכט אַ יונגעל
אין אַ געשעפט

ערקינדיגען .אין דער רעדאַקציע, אַלעע 6.

דער "בית לחם"=קאָמיטעט אין ווילון דאנקט דער פרוי **חיה לעווקאָוויטש** פאַר איהר מיהפולער טעטיגקייט לטובת אונזער אינסטיטוציע און ווינשט איהר א הערצליכען פאָהר-געזונד צו איהר אַברייזען קיין אמעריקא.

דער קאָמיטעט האָפט, אַז אויך אין אמעריקאַ וועט פרוי לעווקאָוויטש געדענקען וועגען "בית לחם" און פיהרען צווישען די דאָרטיגע לאַנדסלייט א געהעריגע הילפס-אַקציע.

Lekarz-Dentysta
Henryk Lejzerowicz
przeprowadził się
na ul. **Aleja 32 m. 3**
telef. 17-57.

התראה.

אינ'ם סכסוך צווישען מיר מיט ה'

איצעק אייזען, מיראָווסקא № 1

האט דאס בוררים-געריכט, וואס איז בעשטאַנען פון די ה"ה: יאָסל גאָלדבערג, א. ווייס, גאָדל זילבערשאַץ און מ. מ. קליינער אַרויסגעטראָגען אַנ'אורטייל וואס פערפליכטעט אונז ביידע.

היות אבער ווי איהר פיהרט נישט אויס דעם בעשלוס און גיט אויך נישט קיין ענטפער, בין איך אייך עפענטליך מתרה, אַז אויב איהר וועט נישט ביז'ן 26 טען ד. ח. געבען אַ קלאָרע תשובה, וועל איך זיין געצוואונגען ווי געהעריג צו רעאגירען און פאר די קאָנסעקווענצען וועט איהר זיין פערענטוואָרטליך.

מיט דרך ארץ

הירשל פישאָף

מיראָווסקא 1.

Proszek od BÓLU GŁOWY
DLA DOROSŁYCH ZE ZN. FABR.
KOWALSKINA
stosuje się również
PRZY PRZEZIĘBIENIU, GRYPIE i KATARZE

הלל העניגסבערג ב"ע

איז נאך קורצע און שווערע ליידען געשטאָרבען אין עלטער פון 69 יאהר.

די לויה איז פאָרגעקומען דינסטאָג, דעם 16-טען ליסטאָפאַד 1937 י. (י"ב כסלו תרצ"ח).

גלייבצייטיג דריקען מיר אויס דעם איניגסטען דאַנק דער געזעלשאפט **"אחיעזר"** ווי אויך אלע, וועלכע האָבען זיך בעטייליגט אין דער לויה פון אונזער טייערען נפטר

די אין טיעפען טרויער פערבליבענע

פרוי, טאָכטער, זיהן, שניר, איידעם, אייניקעל און פאַמיליע.

SZKOŁA TAŃCÓW
baletm. Kosteckiego
w lokalu własnym
ul. Waszyngtona № 6.
Wyucza ostatnie nowości — kongresu — paryża 1937/1938 roku w kompletach — pojedynczo
Zgłoszenia codziennie od 10—21 w.
אַכטונג: יעדען שבת פראַקטישע לעקציע
פאר יודישער געזעלשאפט.
אנהייב 8 אווענד. — ערשטקלאסיגע מוזיק.

מיר נעמען אנטייל אין צער פון דער **פאַמיליע קעניגסבערג** צוליעב'ן טויט פון זייער הייסגעליבטען מאן און פאָטער אונזער לאנגיעהריגען מתפלל

הלל נ"ע

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

די גבאים און מתפללים פון דער חברה "סומך נופלים".

Wzruszeni śmiercią

b. p. **Henryka Kenigsberga**

wyrażają pozostałej RODZINIE szczery żal i współczucie

Sz. Najmanowie.

וויעלון וויעלון
אַטיכטיג לערן=יונגעל
ווערט געזוכט אין אַ טישלער-וואַרשטאַט
מעלדען זיך צו יעקב אַנקלעוויטש, טוראָווסקא גאַס.

אַ גימנאַזיסט
ערטיילט לעקציעס און קאָרעפעטיציע אין ראהמען פון 6 קלאַסען גימנאַזיום. אויך העברעאיש און אַנדערע למודים פון יודאַאיסטיק צו צוגענגליכע פרייזען.
צו ערקונדיגען זיך אין רעדאַקציע.

אונזער מיטגליד ה' **לעאָן שטאַיער** און **פרוי** צוליעב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער טעכטערל

האַנעטשקאַ נ"ע

דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

די גבאים און מתפללים פון דער חברה "אגודת אחים" אַלעע 9.

Komitet Rodzicielski przy Szkole im. Z. Wajnsztokówny składa **Państwu Sztajer** z powodu śmierci Ich Córeczki

b. p. HANECZKI

szczere kondolencje.

FARBIARNIA i PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2.
צום פריהלינג-סעזאָן
מיר נעמען אָן צו וואשען **קראַגענס** מיט לאנגע - דויערענדע שפיגעל-גלאַנץ ווי אויך **העמדער** צו רייניגען און צו פארבען אלערלעי קליידונג. גארדינען צו וואשען און צו שפאַנען.
ספעציאַליטעט: 1) פאַרבען לעדערנע קורטקעס
2) דעקאַטירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואשען).
אַכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן אָרט
אלץ צו ביליגע פרייזען.

Koleżance naszej DZIUNI i PAŃSTWU SZTAJER składamy wyrazy głębokiego współczucia z powodu śmierci

b. p. HANECZKI SZTAJER

Kierownictwo, wychowawczyni, koleżanki i koledzy kl. IV szkoły im. Zofii Wajnsztokówny.

ענטשולדיגונג.

איך בעט ענטשולדיגונג ביי דער פערוואלטונג פון יודישען פריזיער-צעך אין טשענסטאָכאָוו פאַר מיין נישט-טאַקטישער האנדלונג און פערזיכער, אַז אזעלכעס וועט זיך מעהר נישט איבערחזר'ן

אלס צייכען פון חרטה גיב איך צו דער דיספאָזיציע פון דער פערוואַלטונג 5 זל. פאר'ן יודישען שפיטאָל.

ל. ריכנער

אונזער לאנגיעהריגען מיטגליד ה' **יוסף ראָזענבערג** צוליעב'ן טויט פון זיין פאָטער

מנחם מענדל נ"ע

דריקען מיר אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים

די גבאים און מתפללים פון דער חברה "אגודת אחים" אַלעע 9.

דעם סעקרעטאַר פון האַנדווערקער = פערבאנד

ה' **אבא וויענער**

צוליעב'ן טויט פון זיין פאָטער

אשר נ"ע

דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

פערוואַלטונג פון האַנדווערקער-פערבאַנד
סעקרעטאַריאַט
די פערוו. פון יודישען שניידער צעך
" " " טאַפעצירער און שטריקמאַכער צעך
" " " פריזיער-צעך
" " " צוקערניקעס צעך
" " " צווייטען שניידער צעך
" " " בעקער און צוקערבעקער-צעך
" " " בלעכער-צעך
" " " מעטאל צעך
" " " קירזשנער און היטעלמאַכער-צעך
" " " פעראייניגטען קצבים און וואורשטען מאכער-צעך
" " " לעדער-צעך
" " " טישלער און דרעקסלער-צעך
" " " מאלער-צעך.

Sekretarzowi, p. A. WINEROWI z powodu zgonu

b. p. OJCA Jego

wyrażają szczere współczucie

Dyrektor i Personel Nauczycielski Szkoły Dokształcającej przy Szkole Rzemiosł.

מיין חבר **אבא ווינער** צוליעב'ן טויט פון זיין פאָטער

אשר נ"ע

דריק איך אויס דעם טיעפסטען בייליד.

סאמועל קאַץ.

מיין יוגענד-פריינד **אבא ווינער** צוליעב'ן טויט פון זיין פאָטער

אשר נ"ע

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

שמואל פראַנק

מיין פריינד **אבא ווינער** צוליעב'ן טויט פון זיין

פאַטער

דעם אויפריכטיגסטען מיטגעפיהל.

אין דער אַרבייט פאר א בעסערן מאָרגען פון היגען האנדווערקערטום זאָל ער א טרייסט געפונען.

מרדכי קויפמאַן

מיר רופען און מאהנען!

פון טאג צו טאג ווערען די מחנות, וועלכע ווילען דערשטיקען דעם יודישען קבוץ אין פוילען אלץ גרעסער און אנגרייפענדער.

אויף די אלע קאנפערענצען און קאנגרעסען, וועלכע קומען לעצטענס אזוי פיעל פאר, סיי אין דער רעזידענץ, סיי אין אנדערע שטעדט פון פוילען — צי דאס זענען סוחרים אדער האנטווערקער, צי פרייע פראפעסיעס, הערט מען אלץ דאס אייגענע ליעד: יורען ארויס! דערווייטערען די יודען פון מסחר, דערוויטערען זיי פון עפענטליכען לעבען — מיט איין ווארט: עוקר מן השורש זיין דעם העכער דריי מיליאניגען ציבור,

עס איז לעצטענס געווארען ביי די פארטיי-פיהרער אזא מין האזארד. מען האט פערלוירען די קלענסטע מאס פון אנשטענדיגקייט און מענשליכקייט, עס איז אבגעמעקט געווארען דער צלם אלקים און מיט א סאדיסטישער הגאה טרעט מען די היילינסטע געפיהלען פון אנ'אלט פאלק, וועלכעס האט אונגעהויערע פערדיגסטען פאר דער וועלט און איהר קולטור. און ווי ווילדע חיות, וועלכע ווערען צעיושעט דערפיהלענדיג בלוט, אזוי צעיאכמערען זיך אלץ מעהר די בלוט-דורשטיגע חיות אין מענשען געשטאלט, וועלכע ווילען זיך באדען ממש אין יודיש בלוט.

וואס טהוט דערצו דער יודישער קבוץ אין פוילען? צי האבען אונזערע פוילישע יודען דעם בעגריף, אז אויב מיר וועלען זיך נישט פערטיידיגען, וועלען מיר ביי אזא מין דרוק פון אויסען סאקי דערדריקט ווערען?! אונזערע אזוי-גערופענע פארשטעהער און כלל-טהוער, מוז מען ליידער פעסטשטעלען האבען נאך נישט דערפיהלט די אונגעהויערע סכנה, וועלכע לויערט אויף אונז. ווארום, ווען זיי וואלטען דאס יא דערפיהלט, וואלטען זיי דאך פערשטאנען, אז כדי זיך צו פערטיידיגען געגען אויסערליכען שונא, איז קודם כל נויטיג די אינערליכע אחדות און קאנסאלידאציע, און ליידער איז דאס פונקט פערקעהרט. מען פיהרט צו להכעיס'ן, מען צורייסט זיך אויף שריט און טריט, מען פיהרט אנ'אינערליכע מלחמה און נאך מעהר — מען מישט אפילו אריין אין ריין יודישע ענינים דעם דריטען צד, און וואס פארע רעזולטאטען דאס ברענגט, איז איבריג צו בעטאנען.

די מחלוקות ביי יודען האבען שטענדיג גורם געווען די ערגסטע חרבנות און אומגליקען און נאר דאמאלס, ווען יודען האבען געמיינזאם זיך פעראייניגט, האט קיין שום שלעכטס נישט געקאנט אונז ווען טהון.

מיר לעבען היינט איבער איינע פון די טראגישסטע מאמענטען. מיר זענען אזוי ווי אין א בעלאגערטער פעסטונג, וועלכע דער שונא וויל איינגעמען און די בעפעלקערונג אויסהונגערען. איז אויב מיר וועלען זיך צווישען זיך ארומרייסען סיי אויפ'ן פארום פון די קהלות, סיי אויפ'ן געביעט פון אנדערע געזעלשאפטליכע פאזיציעס, וועלען מיר אליין צוהעלפען דעם שונא אונז צו בעזיגען.

דאס געוויסען פון געפייניגטען יודישען קבוץ אין פוילען דארף ערוואכען, ווייל עס איז א שעת סכנה.

דאס דערמאנען מיר, מיר רופען און מאהנען!

ש. פ.

קורצע ידיעות פון דער וואך.

— אין בראזיליען איז דורכגעפיהרט געווארען א מלוכה-איבערקעהרעניש. דער פרעזידענט ווארגאס האט א טאג פאר די נייע פרעזידענט-וואהלען פונאנדערגעלאזט דעם פארלאמענט און פערעפענטליכט די נייע קאנסטיטוציע. דער נייער רעזשים וועט טראגען א טאטאלען כאראקטער.

— דער בעלגישער אויסערן-מיניסטער ספאיאק האט זיך אבגעזאגט פון דער מיסיע צו שאפען א נייע רעגירונג.

— אין מאסקווע זענען ארעסטירט געווארען א רייה געוו. אמבאסאדארען און געוו. פאלקס-קאמיסארען. צווישען אנדערע זענען ארעסטירט געווארען דער אמבאסאדאר אין בערלין יורעניעוו, אמבאסאדאר אין טערקיי קאריקי ווי אויך דער געוו. אמבאסאדאר אין ווארשא דאווטיאן צוזאמען מיט זיין פרוי.

— אין שאנכאי האבען די יאפאנער אבגעהאלטען א גרויסען נצחון. די כינעזער זענען געצוואונגען געווארען צו פערלאזען זיי גאנצע שטאדט. גאנצע קווארטאלען שטעהען אין פלאמען.

— די יאפאנישע רעגירונג האט אבגעזאגט צו בעטייליגען זיך אין דער בריסעלער קאנפערענץ פון 9 מלוכות. די קאנפערענץ האט אנגענומען א רעזאלוציע, אין וועלכער עס ווערט פעסטגעשטעלט, דאס יאפאן האט געבראכען דעם וואשינגטאנער-און קעללאג אבמאך און אז יאפאן האט נישט געהאט געניגענדע סיבות אנצופאלען אויף כינע.

— דער פארזיצער פון קרוין-ראט אין ענגלאנד לארד האליפאקס איז ארויסגעפאהרען קיין דייטשלאנד מיט אנ'אפיציעלער וויזיט. לארד האליפאקס וועט אויך אויפגענומען ווערען דורך היטלער'ן.

— די יודישע פארטייען אין רומעניען האבען בעשלאסען ביי די נאהנטסטע פארלאמענט - וואהלען אויפצוטרעטען אלס זעלבסטשטענדיגע קערפערשאפט כדי צו בעזיצען א געהעריגע יודישע פארשטעהערשאפט אין ניי-געוועהלטען פארלאמענט.

— די אראבישע טעראר-אקציע האט זיך לעצטענס איבערגעטראגען קיין ירושלים, וואו עס זענען אויסגעפיהרט געווארען א גאנצע רייה אטענטאטען. א בעזונדער שטורמישען כאראקטער האבען געהאט די געשעהענישען דעם פערגאנגענעם זונטאג אין ירושלים. אין דעם טאג זענען 7 אראבער און 1 יוד דער'הרג'עט געווארען און מעהרערע אראבער און יודען זענען פערוואונדעט געווארען.

— אין צוזאמענהאנג מיט די זונטאגדיגע געשעהענישען זענען דורכגעפיהרט געווארען ארעסטען צווישען די רעוויזיאניסטען. צוזאמען זענען ארעסטירט געווארען 45 רעוויזיאניסטען, פון וועלכע 24, דערונטער זשאבאטינסקי'ס זוהן, זענען שוין פערמשפט געווארען אויף 6 חדשים פערשיקט צו ווערען אין קאנצענטראציע-לאגער אין עכו.

דער ירושלימער שטאדט-ראט האט איינשטימיג בעשלאסען זיך צו ווענדען צו דער גאנצער בעפעלקערונג מיט א אויפרוף וועגען אבשטעלען די בלוט-פערגיסונג פון אונשולדיגע מענשען.

— אלע יודישע סענאטארען און דעפוטאטען זענען אויפגענומען געווארען דורכ'ן מלוכה-פרעזידענט פראפ. מאשטשיצקי, וועמען זיי האבען שארגעשטעלט די אלגעמיינע לאגע פון די יודען אין פוילען. דער מלוכה-פרעזידענט האט פערזיכערט די דעלעגאציע, אז די רעגירונג האט בעקעמפט און וועט אויך ווייטער בעקעמפען יעדע ערשיינונג פון אנארכיע.

— דער מלוכה-פרעזידענט האט אויפגענומען א דעלעגאציע פון פ. פ. ס., פראפעסיאנעלע פעראיינען און „טור" מיט די געוו. דעפוטאטען ארצישעווסקי און ניעדזיאלקאווסקי אין דער שפיץ. בעת'ן געשפרעך, וועלכעס האט געדויערט 2 שעה איז פארגעלייענט געווארען א מעמאריאל, אין וועלכען די דעלעגאציע זאגט זיך ארויס פאר ענדערען די וואהל - ארדינאציע און בעשטימען נייע וואהלען, וועלכע דארפען זיין פרייע און עהרליכע.

— אויף דער ווילע פון געוו. פרעמיער, פולקאווניק סלאוועק אין ראצלאוויצע איז מיטוואך פארטאגס אויסגעפיהרט געווארען א באמבע אטענטאט. די באמבע האט אויפגעריסען און דער אבהילך האט זיך געהערט אויף א ווייטען שטח, צום גליק האט זי אבער קיינעם נישט געשאדט. אין צוזאמענהאנג דערמיט זענען ארעסטירט געווארען עטליכע פערדעכטיגע פערשוינען.

— דער קוראטאר פון פוילישען לעהרער-פעראיין מושיאל האט זיך אנגעגעבען אין דעמיסיע. אלס נייער קוראטור פון פעראיין איז בעשטימט געווארען א הויכער בעאמטער פון בילדונגס מיניסטעריום, סטווערין מאטושעווסקי.

— דער רעקטאר פון לעמבערגער אוניווערזיטעט קולטשינסקי האט אויפגעלעזט די ענדעקישע אקאדעמישע ארגאניזאציעס מיט'ן מאטיוו, אז זיי האבען אגיטירט געגען אנטיילנעמען אין די פייערונגען פון 11-טען נאוועמבער.

— אין ווארשא איז פארגעקומען דער פייערליכער יובל-קאנגרעס פון „בונד" אין צוזאמענהאנג מיט דעם 40 יעהריגען יובילעאום זינט די דאזיגע פארטיי איז געגרינדעט געווארען צווישען אנדערע האבען בעגריסט דעם קאנגרעס פארשטעהער פון פ.פ.ס., פון די פראפ. פעראיינען און פון דער דייטשער סאציאליסטישער פארטיי אין פוילען. שריפטליכע בעגריסונגען זענען אנגעקומען פון א רייהע סאצ. פארטייען אין אויסלאנד.

— מיט דעם פאסאזשיר-אעראפלאן, וואס איז געפלויגען פון קראקא קיין ווארשא איז געשעהען א שרעקליכע קאטאסטראפע, אין וועלכער עס זענען אומגעקומען 4 מאן און 8 זענען שווער אדער לייכט פערוואונדעט געווארען. די פליה-קאטאסטראפע איז געשעהען נעבען פיאסעטשנע ביי ווארשא און איז ענטשטאנען צוליב דעם, וואס דער אעראפלאן האט זיך פערטשעפעט אין א עלעקטרישען סלופ.

אין ווארשא איז פארגעקומען דער אלפוילישער קאנגרעס פון די קריסטליכע סוחרים ארגאניזאציעס. ביי דער ערעפנונג זענען געוועזען אנוועזענד דער מלוכה פרעזידענט און כמעט אלע מיניסטארען. דער קאנגרעס האט אנגענומען א ריי אנטיסעמיטישע רעזאלוציעס און האט פעסטגעשטעלט, אז דאס נאציאנאליזירען דעם האנדעל איז א היסטארישע אוןווירטשאפטליכע נויטווענדיגקייט.

— דער רעקטאר פון לעמבערגער אוניווערזיטעט קולטשינסקי האט אויפגעלעזט די פערוואלטונגען פון אלע יודישע אקאדעמישע זעלבסטהילף ארגאניזאציעס מיט'ן מאטיוו, אז זיי האבען געפיהרט א פאליטישע טעטיגקייט דערמיט, וואס זיי האבען אגיטירט געגען „פלעביסציט".

— אין וואוועלבערגס הויכשול, וואו די למודים האבען זיך צוריק אנגעהויבען, האט דער דירעקטאר בעזייטיגט אלע יודישע סטודענטען, ווייל זיי האבען נישט געוואלט פערנעמען די געטא-ערטער. אויך דער פעדאגאגישער ראט האט נישט גענומען אין אכט די שטעלונג פון קוראטאר ה' וואוועלבערג און אויפגעפאדערט די יודישע סטודענטען צו פערנעהמען די לינקע בענק, אין געגענטייל וועלען זיי פולשטענדיג בעזייטיגט ווערען פון דער שולע. אין צוזאמענהאנג מיט דער געשאפענער לאגע האט דעפ. דר. זאמערשטיין בעזוכט דעם בילדונגס מיניסטער און בעזונדער זאלען די שילער פון דער דאזיגער שולע זיך ווענדען מיט א פעטיציע צום מלוכה-פרעזידענט.

קאנגרעסען...

קליינער פעליעטאן

— עפעס אנ'עפידעמיע איז געווארען אויף דער וועלט מיט די דאזיגע צוזאמענפאהרען און קאנגרעסען. ווער ס'האט נאר גאט אין הארצען מאכט קאנגרעסען — מיט די דאזיגע ווערטער האט מיין שכן גרונם פלטיאל מיך בבגעגענט נעכטען אינדעיפריה אויף דער שוועל פון אונזער שכנות'דיגען קארידאר.

— קומט אריין אין שטוב-פרעגט איך מיין שכן און דערצעהלט גענוי, וואס איהר מיינט דערמיט.

מיין שכן האט זיך נישט געלאזט בעטען און ווי נאר ער האט זיך נאר איזעקגעזעצט, אנגעהויבען צו רעדען.

— א וועלט מיט קאנפערענצען, מען האלט זיך אין איין בעראטען, מען נעמט אן רעזאלוציעס און ביי דעם בלייבט עס. און נישט נור די נישט-יודישע וועלט האט אנגענומען די מעטאדע פון קאנפערענצען, קאנגרעסען און צוזאמענפאהרען, נאר אויך אין דער יודישער וועלט קומט פאר דאס זעלבע.

— וועגען וואס האנדעלט זיך-קאן איך נישט פערשטעהן מיין שכן.

— וואס הייסט-ווערט מיין שכן אויפגערעגט פון מיין נאאיווקייט-איך מיין די הונדערטער קאנפערענצען און קאנגרעסען, וועלכע קומען פאר אין דער וועלט און וואס זענען נאר אויסען צו פערטושען דעם עולם, ווייל פאקטיש ברענגען זיי קיינעם נישט קיין שום ישועה.

— רעדט קלארער-בעט איך זיך ביי מיין שכן-אז איך זאל פערשטעהן גענוי, וואס איהר מיינט און דער עיקר צו וואס איהר ציילט.

— הערט-גלעט זיך די בארד מיין שכן און הויבט אן צו האלטען א גאנצען „רעפעראט" וועגען ענין קאנגרעסען. די וועלט, די נאך-מלחמה-וועלט קאן נאך אלץ צו זיך נישט קומען, מאכט מען פערשידענע עקספערימענטען. די דייטשען שפילען זיך אין נאציאנאל סאציאליזם מיט ראסען-טעאריע און דאס זאל זיין א רפואה פאר די הונגעריגע דייטשע מאסען, היות אבער ווי ס'ווערט וואס אמאל ערגער, ארדענט מען איין אפט זעהר פיעל פאראדען, כדי צו פערווייליגען דעם עולם. און כדי צו מאכען נאך מעהר עפעקט, רופט מען צונויף דעם בעקאנטען נירנבערגער קאנגרעס, וואו מען האלט פאסעזישע רעדעס און מען נעמט אן דעמאגאגישע רעזאלוציעס און דערמיט וויל מען פערדעקען די צעהנער פון די צעהנער מיליאנען אויסגעהונגערטע דייטשען.

אין איטאליען שפיעלט מען זיך אין פאשיזם. מען האט די יוגענד אנגעקליידט מיט שווארצע בלוזעס און אויך גענומען מאכען פאראדען. די איטאליענישע מאסען שמאכטען אבער הינטער דעם שווערען דיקטאטארישען שטיוועל און געהען אויס פאר הונגער. טא וואס טהוט מען? מאכט מען מלחמה'לעך, האלט מען רעדעס און דער עיקר, מען רופט צונויף קאנגרעסען, מען פלאפלט, מען פילדערט און דערמיט איז מען אויסען צו פערטומלען די מחות פון די הונגעריגע מענשליכע מאגענס.

די פעלקער-ליגע, דאס שלימזלדיגע נאך מלחמה-פראדוקט, קאן זיך נישט קיין עצה געבען מיט דעם ווירוואר, וואס הערשט אין דער וועלט. מעהרערע מלוכות, איבערהויפט די פאשיסטישע, טהוען וואס זייער הארץ גלוסט. זיי פערשוועכען דעם הויפט-יסוד פון דער פעלקער ליגע, וועלכער זאגט, אז אלע סכסוכים, וואס איין מלוכה האט צו דער אנדערער, דארפען ענטשידען ווערען דורך דער פעלקער-ליגע. אנשטאט דעם אבער, קומען פאר מלחמות, דער שטארקערער בעפאלט דעם שוואכערען. מען רויבט און מען מארדעט אויס טויזענדער אונשולדיגע נפשות און די פעלקער-ליגע שטעהט און קוקט זיך צו דעם אלעם צו. הויבען דאך אן די בע'צולה'טע מלוכות צו מאכען א ויצעקו, געוואלד, ראטעוועט! — נעמט דער סעקרעטאר פון דער פעלקער ליגע און רופט צונויף א קאנפערענץ און מען האלט דארט פאטעטישע רעדעס, מען קלויבט אויס קאמיסיעס און סוב-קאמיסיעס און אונטער-קאמיסיעס, וועלכע רופען צונויף נאכאמאל קאנפערענצען מיט קאנגרעסען און דערווייל ווערען אויסגעמארדעט צעהנדליגער טויזענדער שפאניער, אביסיניער, כינעזער און אנדערע, און דא האלט מען נאך אלץ אין איין קאנגרעסווען.

און נישט בלויז אין אונטערנאציאנאלען מאסשטאב זענען די קאנפערענצען און קאנגרעסען א מיטעל צו פערטויבען דאס אייגענע געוויסען און אבצונארען די יעניגע, וועלכע גלויבען נאך אין מענשליכקייט — זאגט ווייטער מיין שכן — נאר אויב אין יעדען לאנד גופא, צווישען די אייגענע בירגער קומט פאר דאס פורים שפיעל, וואס רופט זיך קאנגרעסען, קאנפערענצען און צוזאמענפאהרען.

נעהמען מיר אונזער מדינה — פוילען. ס'געהט נישט אדורך קיין איין וואך, אז עס זאלען נישט פארקומען עטליכע צוזאמענפאהרען. מיר אין טשענסטאכאו — זאגט ווייטער מיין שכן — זענען דאך די בעסטע עדות, וויפיעל צענדליגער צוזאמענפאהרען עס זענען שוין אין אונזער שטאדט פארגעקומען בלויז אין 37-טען יאהר און ס'נעמט גארנישט קיין סוף. דאס איז בלויז אין איין שטאדט. זאל מען זאגען אפילו, אז אין דער הינזיכט איז טשענסטאכאו אנ'אויסנאהם פון א סך אנדערע שטעדט און פוילען, ווייל טשענסטאכאו איז א הייליגע שטאדט, דאס איז דאך אבער נישט משמע, אז אין אנדערע שטעדט פון פוילען קומען אינגאנצען נישט פאר קיין צוזאמענפאהרען. לעזען מיר דאך אין די צייטונגען, אז אט קומט פאר א קאנפערענץ אין פויזען, א צוזאמענפאהר אין לאדז, א בעראטונג אין ווילנע, א קאנגרעס אין ווארשא און אזוי אהן א שיעור און אהן א סוף. און וואס מיינט איהר — שרייט מיט א בענומענער שטימע גרונם פלטיאל — קומט פון דעם אלעם ארויס, קיין גוטס יעדענפאלס נישט. אמת, די איניציאטארען פון די אלע צוזאמענפאהרען רעדען איין דעם עולם, אז פון אזא צוזאמענפאהר וועט קומען א שטיק ישועה. פאקטיש אבער האלט איך — לייגט צו דעם פינגער צום שטערען מיין שכן — ווערט נאך דעם אלעם א סך ערגער, ווארום די מאדערנע רעזאלוציעס, וואס ווערען פייערליך אנגענומען אויף די אלע צוזאמענפאהרען, זענען נאך אייל צום פייער און קיין גוטס וועלען זיי בעשטימט נישט ברענגען...

— ווארט נאר-דערמאנט זיך אין עפעס מיין שכן-און ביי אונז פוילישע יודען איז דען בעסער, אויך מיר האבען זיך אבגעלערנט פון אונזערע שכנים און מאכען נאך די קונץ מיט די דאזיגע צוזאמענפאהרען.

— ווער, וואס, ווען,-מאך איך זיך טאמעוואטע-וואו קומען דאס פאר ביי ביי אונז צוזאמענפאהרען?

— נו, נו, זייט נישט קיין שוטה-חוזק'ט פון מיר מיין שכן-סיידען איהר לעזט נישט קיין צייטונגען, ווארום ווען איהר וואלט זיך נאר אביסעל פעראינטערעסירט, וואלט איהר געזעהן, אז נישט בלויז גרויסע פאליטישע אדער ווירטשאפטליכע ארגאניזאציעס האלטען אין איין צונויפרופען צוזאמענפאהרען און קאנפערענצען, נאר יעדע גרופע בעזונדער האלט אין איין רופען איהרע אנהענגער און מען מאכט א פאמפע מיט א צוזאמענפאהר, מיט אנגענומענע רעזאלוציעס און פערטיג. איצט ווידער בויט מען א נייעם, א גרויסען צוזאמענפאהר—וואס רעד איך, א צוזאמענפאהר? דאס וועט זיין א קאנגרעס פון אלפוילישען יודענטום. אמת, דער אזוי-גערופענער קאנגרעס איז נאר דערווייל אראנזשירט פון איין געוויסען אבצווייג פון פוילישען יודענטום, דאגעגען די גרעסערע טייל יודישע ריכטונגען אויף דער יודישער גאס האבען נאך זייער הסכמה צום קאנגרעס נישט געגעבען, און ווי זיי מעלדען, וועלען זיי גאר אינגאנצען זיך נישט בעטייליגען אין דעם קאנגרעס, דאס וועט אבער נישט שטערען, אז דער קאנגרעס זאל פארקומען מיט גרויס פאמפע און דער עקזעקוטיוו זאל פראקלאמירען, אז ער איז די רעפרעזענטאנץ פון פוילישען יודענטום.

— זאגט נאר-רייס איך איבער מיין שכן-זאגט מיר, זייט אזוי גוט, וואס אייגענטליך טויגען די קאנפערענצען מיט די קאנגרעסען, כ'מיין, וואס זענען די איניציאטארען אויסען, וואס זיי האלטען אין איין רופען די דאזיגע קאנפערענצען מיט די אנגענומענע רעזאלוציעס.

— כא, כא, כא-צולאכט זיך מיין שכן-כ'האב זיך נישט גערעכט, אז איהר זאלט זיין אזוי נאאיוו. די איניציאטארען פון די אלע קאנפערענצען ווענען אויסען נאר זייער אייגען קרעמיל; זיי ווילען, אז היות ווי אין אויסלאנד טומלט זיך וועגען די פוילישע יודען און מען פלאנט צו מאכען אנ'אקציע פאר קאנסטרוקטיווער הילף. נו, נו, וויל יעדע גרופע, פארטיי און ריכטונג זיך בעווייזען, אז נאר זי האט היגטער זיך די מאסען, וועלכע שטעלען מיט זיך פאר דעם רוב מנין פון פוילישען יודענטום און דאס טאקי ווילען זיי בעווייזען מיט זייערע קאנפערענצען, צוזאמענפאהרען און קאנגרעסען.

— אזוי ווי עס קריסטעלט זיך, אזוי יודעלט זיך-פערענדיגט זיין רעפעראט מיין שכן-אלע קאנפערענצען און צוזאמענפאהרען האבען איין ציעל: [מאכען א טומעל, כדי יענער דארט, ערגיץ אין דער וועלט, זאלען מיינען, אז מען האט צו טהון מיט א כח און דערפאר טאקי קומען לעצטענס פאר אזוי פיעל קאנגרעסען.

סמאל

קולטור און מענטש

(רעפלעקסען)

.1

געוויס איז שוין לאַנג אַוועק יענע תקופה פון הומאַניטאַריזם, ווען מענשען האבען געטרוימט, דאס מיט דער ענט־וויקלונג פון קולטור און ציוויליזאַציע וועט קומען א נייער רענעסאַנס פאר דער מענשהייט, ווען מענשען וועלען אַנדערש ווערען — מענשען וועלען בע־סער ווערען...

ווייט זענען מיר שוין אַבגעפאַהרען אפילו פון יענע צייטען, ווען אין די „השכלה“־קרייזען האט מען נאך גע־האַט אַזאַ גוטע פאַרשטעלונג וועגען קולטור און „בילדונג“. אין יענע קריי־זען האט קולטור געהייסען „ליכט“ און דער ענין „בילדונג“ איז אזוי ראָמאַנ־טיש בעזינגען געוואָרען דורך אלע משכילים - שרייבער. זיי — האט דאס בלויזע וואָרט „בילדונג“ שוין מאָדנע געלאַקט, בעגייסטערט און מיטגעררי־סען...

אווראי איז שוין דאמאלט געלעגען אין דעם א שטיק בטלנות. די השכלה־בעוועגונג, וועלכע האט געבויט איהר יסוד אויף די שוואַכע שפינוועבס פון מאָדערנער „וועלטליכקייט“ — האט גאָרנישט זיך געפרובט פערטראכטען ווי עס ווירקט קולטור און בילדונג אין דער סאַמאָראַדנער וועלט גופא... פאַר זיי איז בילדונג געוואָרען די נייעסטע געצענדינסט, צו וועלכער מען בוקט דיך גלויביג מיט פרום־פערגלאַצ־טע אויגען און מען איז אלץ מקריב, אפילו אייגענע קינדער — ווי עס טהוען אמת'ע געצענדינער, נישט אריינגריב־לענדיג זיך אין איהר מהות.

יודען האבען זיך געוואָרפען אין די אָרעמס פון דער אזוי גערופענער „ביל־דונג“ און איהר אַנגעהאַנגען לאַרבער־קרענץ, פיעל מעהר, ווי די דאמאלס־דיגע גרויסע וועלט האט וועגען דעם געטראכט. זיי זענען געקומען שפעטער, אַבער מיט א נייעם עכטען ברען און האבען זיך געוואָרפען צו די „קוואַלען פון וועלטליכקייט“ מיט אַ פאַנאטישען אידעאַליזם פון וואָס די גוייִשע וועלט האט גאָר קיינמאָל קיין אהנונג נישט געהאַט. פאַר די משכילים איז „ביל־דונג“ געווען אַלץ אין דער וועלט.

פאר זיי איז בילדונג געווען דער גרינגדליכסטער אַטעסטאַט פאר מענשליכקייט... „הוי יהוי באהליך ואדם בצאתך“ האט געהייסען, אַז דורך „בילדונג“ ווערט מען א „מענש“ און ס'עפענען זיך פאר איהם אלע פערשלאָ־סענע טויערען פון דער „וועלט“...

אַזוי איז עס געווען אין יענע צייטען. אַבער נאָך עפיס האבען זיי „גע־מיינט“: — זיי האבען געמיינט, אַז דורך פער־וועלטליכען דאס יודישע פאָלק וועט זיך פאר איהם עפענען אלע שערי־רחמים פון עמאַנציפאַציע און גלייכבערעכטיגונג. דער יוד וועט ווע־רען א שטאָלצער גלייכבערעכטיגטער בירגער. זיי האבען אזוי געמיינט — ווייל זיי זענען געווען בעהערשט מיט אַ איבערגעטריבענעם צוטרוי צו דער „וועלט“. און ווען אַלעקסאַנדער דער ערשטער האט געלאָזט זיין בערוהמטען רוף צו יודען וועגען בילדונג — זענען זיי געווען די, וואס האבען צו איהם אויסגעשטרעקט הענד ווי צו א ערליי־זער — מיינענדיג טאקע, אַז דורך דעם וועלען יודען ווערען גלייכבערעכטיגט.

אַבער מערקווירדיג ווי ס'בעוועגט זיך דאָס ראָד פון דער געשיכטע. דוקא נאך אזוי פיעל יאהרען פון מענשליכער קולטור און ציוויליזאציע — מאכט די „וועלט“ ריקצוגען אויף צוריק, צוריק צום מיטעלאלטער און אוראלטערליכע מענשען־פרעסער...

ס'קומען צו קולטורעלע דערגרייכונ־גען און מענשען ווערען קליגער — ווערען זיי אַבער קליגער אויף שלעכטס טהון. די קולטור געהט געשפאַנט אין וואגען פון אומענשליכקייט און געהט אהין וואו דאס אומענשליכקייט בעוועגט איהר. דער פאַשיזם האט שוין לאַנג זיין בריית־פערצווייגטע קולטור. אין דייטשלאנד וואַקסט א נאַצי־קולטור און ביי אונז בליהט א „נאַציאָנאַלע“ קולטור... און א טעות האבען די, וואס זאגען, אַז די מענשען וואס אָרדנען איין שחיטות אין שפאניען און אין היינטיגען רוסלאנד — זענען נישט קול־טורעל, ניין, דאס זענען טאקי קולטו־רעלע מענשען, נור ס'זעהט אויס, ווי דוקא די קולטור וואלט איבערגענומען איך איהרע הענד אויף אַנצופיהרען מיט אלעס וואס איז אוממעגליך, בארבאריש און גרויזאם. ביי אונז זעהען מיר, אַז דאס גאַנצע ביסעל שלעכטס און כולי־גאניזם איז מאָנאָפאָליזירט ביי דער עלמא־מאַטערס און פערצייכענט מוז דאך דאס ווערען, וואס דער ערשטער הערצלד פון געטאָ־איינפיהרונג איז גע־ווען דוקא א פּראָפעסאָר, א פּראָפעסאָר פון א גרויסער אוניווערזיטעט און א לעגימער פאָרשטעהער פון דער וועלט־ליכער קולטור.

אינו בלייבט מעהר נישט איבער, נור אַנצוצינדען — ווי יענער גריכישער פילאָזאָף — א גרויסען דיאָגענס־לאַמ־טערן און ארויסגעהן מיט איהם אין מיטען העלען טאָג זוכען א מענשען... זוכען דעם פּשוט'ן „מענש“, וועלכער איז נאך נישט פערסמט און ווייס נישט וואס אזוינס איז קולטור... ער ווייס נישט פון דער ביטערקייט, וועלכע איז איינגעהילט אין א זיידענעם שלייער... לאָמיר זוכען יענע מענשען, ווארום, מ'מוז דאך געדענקען: — דאס אויב אפילו ס'האט זיך ביי אונז אויסגעפונען א פּראָפעסאָר, וועלכער רעדט ערליך און פערנונפטיג — רעדט דאָך דאס אין איהם דער מענש, דער פשוטער מענש, וועלכער זיצט אַמאָל אויך אין אַ פּראָפעסאָר, פּונקט ווי עס האט זיך אַבגערופען דער פּשוט'ער בירגער און מענש פון בילגאַריי אויף די שפאַלטען פון „וויאַד. ליטעראַצקיע“, וועלכער איז געוואָרען גערירט פון די טיפע מענש־ליכקייט וואס ס'פערמאָגט א קליין יו־דיש קינד... אָה, ווי ערליך און מענש־ליך ער האט גערעדט אָהן „קולטור“. לאָמיר זוכען יענע מענשען — אפשר וועלען זיך אזעלכע געפינען...

.2

דאס איז שוין באַלד „געשיכטע“. געווען איז עס גלייך נאך די געשעהע־נישען אין בריסק, דער יודישער צער און פּראָטעסט איז געווען פערחתמ'ט אויף זיבען שלעסער און האט נישט געטאָרט זעהן די ליכטיגע שיין. וואס פאר א טאַקטיק האט דאמאלס אנגע־נומען דער גרעסטער טייל פון דער פוילישער געזעלשאַפט? וואס האט גע־לאָזט הערען די פוילישע פּרעסע? — זי האט געשוויגען. געשוויגען מיט צו־פרידענהייט אָדער מיט גלייכגילטיגקייט לגבי די, ביי וועמען אין די הערצער ס'האַט געשטורעמט פערביטערונג און וועהטאָג... איינציג נור אין „ראָבאָט־ניק“ פלעגען זיך טאָג־איין טאָג־אויס לאָזען הערען עטליכע שטימען, וועלכע פלעגען אויסדריקען זייער פערביטע־רונג מיט בעשטייערען זיך לטובת די געליטענע.

אין מינוטען פון איינזאַמקייט און עלענד האסטו די גרעסטע סימפּאַטיע און דאַנקבאַרקייט פאַר די, וואס רופען זיך אָב דיין איינזאַמקייט, פאַר די, וואס פיהלען אַביסעל מיט. אַבער דאס זענען דאָך אַלץ געווען געצעהלטע יחי־דים. אַלע טאָג פלעגסטו וועלען זעהען וויפיעל זענען זיי היינט דאָ, אין ווי־פיעל מענשען האט זיך דערוועקט דאס מענשליכע געוויסען דעם, וואס ס'איז פאָרגעקומען פלעגסטו עפענען אַ נו־מער אַלע טאָג — און זעהען, דאס היינט זענען זיי אויך נישט מעהר ווי אַ דריי, פיער... דריי פיער מענשען פון איבער דרייסיג מיליאָן — פלעגט דאס שטאַרק וועה טהון, אַבער די גע־פעהלטע יחידים זענען געווען, ווייזט אויס, גאָר הארציגע מענשען.

צווישען די יחידים, וואס האבען זיך דאמאלס בעשטייערט לטובת די געליטענע, אויך אַ שילערין פון אַ'וואַר־שאווער שולע פאַר אונפערמעגליכע. זי האט פערקויפט עטליכע ביכער פון איי־נעם אַ שריפטשטעלער און אויפגע־שענקט די בעקומענע 21 זלאָטעס פאר די געליטענע. דאס האט געצויגען דיין אויפמערקזאַמקייט. עפּיס איז דאָ גע־לעגען מעהר ווי א געוועהנליכער מיט־געפיהל. דאָ איז געלעגען אַ וועגעש־ליכע אַבשאַצונג וועגען „מענש“ און „קולטור“. דאָ האט קולטור אַבגעטרע־טען דעם פּלאַץ פאַר דאס מענשליכע. נאָך וואס איז דער בוך, ווען ס'איז נישטא דאס עלעמענטארע מענשליכע...

נאך וואס איז די גאנצע קולטור, אויב זי ווערט געטראַגען אויף שלעכט'ס טהון מענשען... אַזאַ געפיהל האסטו דעמאלס געהאט.

אין די טעג פון בענק־געטאָ אין „וואַרשאַווער יודישען אַקאַדעמיקער“ — האט זיך געוויס געמוזט ווידערהאַלען יענער געפיהל בנוגע „קולטור“. יאָ, מיר קעמפען פאר די רעכט פון יודישען אַקאַדעמיקער און מיר זענען עמפערט איבער די אומענשליכע מעטאָדען וואס ווערען לגבי איהם אַנגעווענדעט — ווייל זיי זענען געווענדעט געגען דער מענשליכער ווירדע און אונזערע בירגערליכע רעכט בכלל — אַבער מ'טאָר אויך נישט פערגעסען, אַז סך־הכל שטראַמט די גאַנצע כוואַליע פון רשעות אויף אונז מצד דער „קולטור“.

אָה, ווי ווייט עס קרייצען זיך די וועגען פון „קולטור“ און עלעמענטאַ־רער מענשליכקייט!...

ש. ווארשא.

צו אלע יודען אין פוילען!

אונזער ערשטער רוף צום פוילישען יודענטום זיך צוזאַמענצוגרייטען צום יודישען קאַנגרעס אין פוילען, האט צוגעטראָ־פען צום האַרץ פון די יודישע מאַסען. ער האט אַרויסגערופען ביי זיי דער־מונטערונג און קאַמפּס־גרייטקייט. דער אָבּרוף פון גאַנצען לאַנד האט אין דעך זעלבער צייט שטאַרק ערמוטיגט אונז, די איניציאַטאָרען. מיר זענען איצט, מעהר ווי שטענדיג, זיכער, אַז צום יודישען קאָנגרעס אין פוילען, וועלען קומען שטימען די גרויסע מערהייט פון פּוילישען יודענטום.

די דאָזיגע שטימונג טאָר אָבער נישט צעפלאַסען ווערען אין רייד און דיסקוסיעס. אין יעדער שטאָדט און אין יעדען שטעדטעל מוז געפיהרט ווערען א פּלאַנמעסיגע ארבייט. אַלע יודען מוזען זיך ערוואָרבען וואַהל־רעכט, כדי צו קענען מיטבעשטימען אין די גורל־פראַגען, וואס שטעהען פאַר'ן פּוילישען יודענטום.

מיר רופען דעריבער צו אַלע יודען אין פוילען: קויפט אויס וואַהל־לעגי־טימאַציעס צום יודישען קאַנגרעס!

די דאָזיגע וואַהל־לעגיטימאַציעס קענט איהר אויסקויפען ביי די פאַר־שטעהער פון די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האבען שוין בעקומען די לעגיטימאַציעס פון די צענטראַלעס: פּועלי ציון (צ.ס.), אַלגעמיינע ציוניסטען, מזרחי און תורה ועבודה, פאָלקס פּאַרטיי, אַלגע־מיינע ציוניסטען (וועלט־פּאַרבאַנד), פּועלי־ציון (לינקע), התאחדות, יודענ־שטאַטס־פּאַרטיי, צענטראַלער האַנד־ווערקער־פּערבאַנד, צענטראַלער קליינ־הענדלער־פּערבאַנד און פראַפ.־ראַט. וואַהל־לעגיטימאַציעס ווערען, נאַטיר־ליך, פערקויפט צו אַלע יודען, אָהן אויסנאַהם פון פּאַרטיי־אַנגעהעריגקייט אָדער אַנגעהעריגקייט צו א ווירטשאַפ־טליכער אָרגאַניזאַציע. אונזער צוועק איז, אַז ביי קיין איין יוד אין פוילען זאָל נישט צוגענומען ווערען דאס רעכט צו שטימען צום קאָנגרעס. דער יודישער קאָנגרעס וועט אויף אַזאַ אופן פערטרעטען דעם ווילען פון דער גרויסער מערצאָהל פון פּוילישען יו־דענטום. ער וועט דעמאָנסטרירען פאַר דער גאַנצער וועלט די געשלאָסענקייט פון פּוילישען יודענטום, עס זאָל וויסען אַנטיסעמיטען אין לאַנד און אין אויס־לאַנד, אַז דאס פּוילישע יודענטום איז נישט קיין מענשען־שטויב, וואס יעדער קען טרעטען מיט די פיס. עס זאָלען וויסען אונזערע ברידער,—יודען פון דער גאַנצער וועלט—אַז דאס פּוילישע יודענטום איז נאָך ווייט נישט בעזיגט און צעשמעטערט. מיר זענען איבער דריי מיליאָן אין צאָהל, מיט אַנ'אַלטער און שעפערישער קולטור. מיר זענען א טייל פון א פאָלק, וואס האט שוין נישט אייגמאָל אין דער געשיכטע דע־מאָנסטרירט זיין אויסדויער קראַפט. מיר זענען פערוואָרצעלט אין דעם לאַנד, אין וועלכען מיר לעבען. מיר זענען גלייכע בירגער פון דער פּוילי־שער מלוכה. אזוי בעטראַכטען מיר זיך, און אזוי פאָדערן מיר, אַז אַנדערע זאָלען אונז בעטראַכטען. מיר וועלען זיך נישט לאָזען טרייבען אין געטאָס, נישט אין דער שולע, נישט אין אוני־ווערזיטעט און אויך נישט אין ווירט־שאפטליכען לעבען. מיר וועלען קיינעם נישט לאָזען אונז בערויבען פון אונ־זערע רעכט אלס מענשען, אלס בירגער פון לאַנד און אַלס א נאַציאָנאַלע מינדערהייט.

וואס מעהר יודען עס וועלען זיך בעטייליגען אין די וואַהלען, אַלץ בולט'ער און קלאָרער וועט מען דאס זעהן. וואס מעהר יודען עס וועלען זיך בעטייליגען אין די וואַהלען, אַלץ גרעסער וועט ווערען דער רעספּעקט פאַר'ן פּוילישען יודענטום, סיי אין פוילען גופא, סיי אין אויסלאַנד. וואס מעהר יודען עס וועלען זיך בעטיילי־גען אין די וואַהלען, אַלץ מעהר אַי־נערליך אָרגאַניזירט אחריות וועט אין אונזער לעבען אריינגעטראַגען ווערען, אַלץ זיכערער וועט ווערען, אַז אין פוילען וועט אויפגעשטעלט ווערען אַנ'אויטאָריטעט, א דעמאָקראַטיש גע־וועהלטע יודישע רעפּרעזענטאַנץ, און זיאָס פּוילישע יודענטום וועט בעקומען זיין אדרעס.

רופען מיר דעריבער יעדען יוד פון פוילען צו זיין יודישען פליכט, יעדע־רער זאָל אויסקויפען א וואַהל־לעגיטי־מאַציע און זאָל זיך דערמיט פּערזי־כערען זיין רעכט צו שטימען אין די קומענדיגע וואַהלען צום קאָנגרעס.

ארגאַניזיר־קאָמיטעט פאַר'ן
קאָנגרעס פון יודישער
זעלבסטהילף אין פוילען.

וואס געהערט, וואס געזעהן.

זיי מאַכען פאַרשטעלונגען...

כ'האָב שוין ערגיץ־וואו אמאָל דער־מאנט, אַז דאס, וואס ס'קומט פאַר ביי אונז מיט די פערשידענע צייטונגס־פערקויפער, איז גאָר אַ טשענסטאַכאָ־ווער ערפינדונג, אין קיין שום אַנדערע שטאָדט אין פוילען זעהט מען דאָס נישט.

און אין דער אמת'ן נעמט דאס שוין אָן א פאָרם פון א ספּעקטאקל, אַ קאָ־מעדיע, וואָס רופט ארויס א ווידערגע־פיהל ביי אלע דורכגעהער, און נישט בלויז די כוליגאַנעס מיט זייער „אָרענ־דאָווניק“ און „א. ב. צ.“, נאָר אפילו— זאלען זיי מיר מוחל זיין — די צייי־טונגס־פערקויפער פון די סאָציאַליסטישע צייטונגען מהוען אויך שוין אביסעל צופיעל אַרומרודערען און ס'מאכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטען נישט אויס־געפיהרט א געוויסע ערנסטע און פער־אַנטוואָרטליכע ארבייט, נאָר ווי דאס וואָלט געווען אַזאַ מין ספּאָרט, אַ פער־ווייִלונג.

אין די ערשטע צייטען, ווען מען האט דערהערט, אז אויסער די „נארא“־צייטונגען, וואס האט פשוט געגרילצט אין די אויערען, ווערען אויך פער־קויפט צייטונגען פון אנדערען פוילען, האט עס פערשאפט אַ ביסעל נחת, אַנ'ערלייכטערונג. לעצטענס אָבער מאַכט עס דעם איינדרוק, אַזוי ווי די ביידע— סיי די פערקויפער פון די ענדעקישע צייטונגען און סיי די, וואס פערקויפען די סאָציאַליסטישע צייטונגען — וואָל־טען געהערט צו איין חברה, נאָר זיי האָבען צווישען זיך איינגעטיילט די אַרבייט, זאָגענדיג איינער צום אַנדע־רען: פערקויף די היינט די „נארא“־צייטונג און איך וועל פערקויפען די סאָציאַליסטישע צייטונג; שריי דו אויס אויף יודען אַלדאָס בייז און איך וועל אויסשרייען אויף די ענדעקעס; געה דו אויפ'ן טראָטואַר פון רעכטס און איך וועל געהן אויפ'ן לינקען טראָטואַר; לויף דו אין דער ערשטער אַלעע און איך וועל זיין אין דער צווייטער אַלעע.

מעגליך, אַז איך האָב אַ טעות, יע־דענפאַלס אַזאַ איינדרוק מאַכט עס אויפ'ן עולם, אַזוי ווי ביידע צדדים וואָלטען זיך איינגעטיילט מיט די ראָ־לען. מיט איין וואָרט — זיי מאַכען אַ פאַרשטעלונג.

אַנ'עפּיזאָד פון דער היינטיגער צייט.

אָהן משלים וועל איך אייך באַלד צוטרעטען צום עצם פאַקט:

אין שיך־געשעפט פון ה' לאַנגנער, אַלעע 10, איז אריינגעקומען א קריסט און געדינגען אַ פאַר קאַלאָשען. ווען זיי זענען שוין געווען איינגעפּאַקט, האט ער פּעוּלאַנגט, אַז מען זאָל איהם אַרויסגעבען א רעשט פון 5 זלאָטעס. ווען מען האט איהם אויפמערקזאַם גע־מאַכט, אַז דערווייל האט ער נאָך נישט געגעבען קיין געלד און מ'האט איהם טאקי העפליך געבעטען, אַז ער זאָל בעצאהלען פאר די קאַלאָשען, האט דער קונה געמאַכט אַ סקאַנדאַל עד לב השמים, אַ וואָרט אַהין, אַ וואָרט אַהער, ס'איז געגאַנגען אין די הויכע גדולות, מען האט אָנגעהויבען אויסצו־לופטערען דעם גאַנצען לעקסיקאָן, וואס איז היינט א זעהר גאַנגבאַר אַרטיקעל, אַזוי אַז די יודישע סוחרים האבען שנעל געכאַפּט א גילדען און אַוועקגע־געבען דעם קונה צוזאַמען מיט די קאַ־לאָשען.

ווען די אַנוועזענדע האבען מיט גרויס פערוואונדערונג געפרעגט די סוחרים, הלמאי זיי האבען זיך געלאָזט שאַנטאַזשירען, האבען זיי געענטפערט, קורץ: מיר ווילען נישט, אַז צוליעב פינף זלאָטעס זאָלען מיר אריינ־פאַלען אין אַנ'אומגליק חס ושלום, ווארום וואס טהוען מיר, אַז יענער טראכט אויס אויף אונז א בלבול, אַז מיר האבען כ'ווייס וואָס — בעליידיגט דאס פּוילישע פאָלק, וואָלט געווען נאָך ערגער, ווייל גלויבען וועט מען דאָך איהם, נישט אונז, איז גלייכער, אַז מיר זענען אַבגעקומען מיט 5 זלאָטעס און פערטיג; זאָל דאס זיין אַנ'אַבקומע־ניש פאַר אַנ'אויפגעלייגט אומגליק ר"ל.

אָט האב איך דערצעהלט אַ קליינעם עפּיזאָד, וואָס כאַראַקטעריזירט די היינ־טיגע צייט.

זיי זענען קינסטלער, אָבער...

די וואָך האבען דאָ געוויילט אויף צוויי אויפטריטען די בעוואוסטע קינסט־לער פון ארץ ישראל, דאס פּאָרל: נעמי ליף און יוסף גאַלאַנד, וועלכע האבען באמת אַרויסגעוויזען הויכע קונסט און אמת'ן אַרטיסטישען טאַלאַנט.

איז דאָך גוט, איז אָבער אויך דאָ אַנ'„אָבער“, און דער „אָבער“ בע־שטעהט אין פאָלגענדען: ראשית, האט גאַלאַנד פאָרגעטראַגען אין א שווערען העברעאיש, וואס איז אפילו פאַר אנשי שלומינו געווען זעהר שווער צו פער־שטעהן, אַזוי, אַז די טעאַטער־בעזוכער וועלכע רעקרוטירען זיך פון די פאָלקס־מאַסען, האבען נישט געהאַט קיין אינ־טערעס פאַר די פאַרשטעלונגען; והשנית, יאָ, דאָ זעהט איהר איז שוין אַנ'אַנ־דערער „אָבער“, ס'ווילט זיך פרעגען: פאַרוואָס, זאָלט איהר מיר געזונד זיין, זענען זיי באמת ריין־קינסטלערישע ארץ־ישראל־אָוונדען אַזוי ווייניג בע־זוכט געוואָרען פון די פאַטענטירטע ציוניסטישע כלל־טהוער? עס האט זיך פּשוט געוואָרפען אין די אויגען דאס, וואס אָט פון דער דאָזיגער ספּערע האט גאָר איין פּראָצענט בעוויליגט צו בעזוכען דאָס דאָזיגע קינסטלער־פּאָרל.

טראָץ אַלעמען זענען עס געווען הערליכע אויפטריטען, ווען — ווען נישט דער „אָבער“...

דער יודישער לאָפּעק.

מען זאָגט אפילו, אַז דער אמת'ער לאָפּעק, דער בעוואוסטער אַרטיסט פון די פּוילישע ביהנעס, לאָפּעק, איז אליין א יוד. דאָ האנדעלט זיך אָבער וועגען א צווייטען א יודישען „לאָפּעק“, וואס איז אַן און פאַר זיך אַ זעהר אינטערעסאַנטער טיפּ.

זיין נאָמען איז פּרץ טשאַרקע, שטאַ־מען שטאַמט ער פון ווילנא און איז ענליך, ווי צוויי טראָפּען וואסער, צו דעם אמת'ן לאָפּעק.

בעגעגענט האָב איך איהם צום ערשטען מאָל פאַראיאהרען אין ווילנא. זייענדיג אין האָטעל, האָט זיך צו מיר געוואָנדען אַ יונגערמאַן, וועלכער האט מיר באַלד אין אַנהויב ערקלערט, אַז ער הייסט לאָפּעק, און אזוי ווי ער איז געוואויר געוואָרען פון די צייטונגען, אַז א טשענסטאָכאָווער רעדאַקטאָר איז געקומען קיין ווילנע, איז ער גרייט איהם צו בעקענען מיט דער שטאָדט.

לכתחילה האָב איך זיך געשראָקען פאַר איהם, שפּעטער אָבער האָב איך צו איהם בעקומען צוטרוי און זיך אריינגעלאָזט מיט איהם אין א שמועס,

ש. פראנק

רייזע-איינדרוקען

(אנשטאט א הקדמה)

ס'ווערט נמאס ומאוס צוצוהערען זיך צו די בעקאנטע טאג-טעגליכע לידלעך, וואס הערען זיך אין די גאסען, סיי פון דער „ראדיקאלנע גאזעטא נאראדאווא", סיי פון דער „פיסמא סאציאליסטיטשנע", איבריגענס, ווילט זיך איבערצייגען, צי זענען די דאזיגע לידלעך א מכת-מדינה אדער אפשר איז נאר אונזער שטאדט טשענסטאכאוו געבענשט אט מיט דער דאזיגער „ערפינדונג".

אט דאס און נאך אנדערע מאטיווען האבען גורם געווען, אז איך זאל מיך ארויסלאזען איבער דער פוילישער מדינה, בעזוכען א פאר שטעדט און שטעדטלעך און מיט די איינדרוקען זיך טיילען מיט די טשענסטאכאווער יודישע לעזער.

נישט ווי אמאל

ווען איך בין ארויסגעפאהרען פון טשענסטאכאוו, זענען שוין גילטיג געווען די באהן הנחות אויף די אזוי-גערופענע פאפולערע צוגען, פונדעסטוועגען זענען קיין סך מענשען נישט געפאהרען. ווער שמועסט יודען, האט מען קוים געזעהן אויף א רפואה, ווען מיר דערמאנען זיך, ווי אזוי עס האבען אויסגעזעהן די פאפולערע צוגען מיט א פאר יאהר צוריק, קומט מען צו דער איבערצייגונג, אז אדער יודען האבען נישט נאך וואס צו פאהרען נאך ווארשא אדער זיי האבען מורא צו פאהרען בזמן הזה אויף די באהנען. יעדענפאלס, איז עס נישט ווי אמאל.

לובלין

שוין לאנג האב איך געשטרעבט צו זעהען די אלטע יודישע היסטארישע שטאדט לובלין, וואס איז די צווייטע, שטאדט מיט איהרע יודישע אלטערטימליכקייטען נאך ווילנע.

לובלין האט ארויסגעגעבען א גרויסע צאהל יודישע חכמים און גאונים, גוטע יודען און רביים; דאן איז לובלין בעריהמט דערמיט, וואס דארט איז זיך צונויפגעקומען דער ועד ארבע הארצות, און אין דער איצטיגער צייט —אויך מיט דער ישיבת חכמי לובלין, וואס איז געגרינדעט געווארען פון הרב ר' מאיר שפירא ז"ל.

צוליב דעם גרויסען רעגען, וואס האט כסדר געגאסען, האב איך ליידער נישט געקאנט בעזוכען אלע מקומות. דאך האב איך אין משך פון מיין קורצען בעזוך אנגעטאפט א שטיק יודישע געשיכטע, וואס איז אלט עטליכע הונדערט יאהר.

מיט דער הילף פון מיין פריינד און קאלעגע יצחק ווייספיש פון לובלין, האבען מיר בעזוכט די ישיבת חכמי לובלין, אלטע שוהלען, די יודישע געטא און אנדערע מערקווירדינקייטען.

ישיבת חכמי-לובלין

אויף עק לובארטאווסקא שטעהט א 5-שטאקיגע געביידע, וועלכע איז אריינגערוקט טיעף אין הויף. ביז איצט איז דער בנין געווען ארומגענומען מיט א הילצערנעם פלויט, וואס ווערט איצט איבערגעארבייט אויף א שטיינערנע מויער. דער גרויסער גארטען פון הויף ווערט אויך איצט בעארבייט און אויסגעגלייכט.

אין דער קאנצעלאריע פון דער ישיבה האבען מיר געטראפען דעם פרעזעס פון דער יודישער קהלה אין לובלין, וועלכער איז גלייכצייטיג לייטער אין דער ישיבה. ער האט אונז צוגעטיילט דעם סעקרעטאר ר' יעקב אהרן ליבערמאן, דעם אזוי-גערופענעם אינערן-מיניסטער, וועלכער האט אונז ארומגעפיהרט איבער'ן גאנצען בנין אין אלע איינריכטונגען.

אין פארטער געפינט זיך א צימער, וואו עס שטעהט דער בית-המקדש-מאדעל, וואס איז ווי געהעריג דעקארירט און אילומינירט. ה' ליבערמאן גיט אונז דא גענויע ערקלערונגען, האלטענדיג אין דער האנד א גרויסען וויז-שטעקען.

דערצעהלען אלע פרטים פון דער פרעכטיגער געביידע, וואלט פארנומען צופיעל פלאץ, ווייל די ישיבה איז ווירקליך א זעלטענהייט, אויפגעמויערט לויט אלע כללים פון מאדערנער טעכניק, ארכיטעקטור און בעקוועמליכקייטען. פערהאנען אנ'אייגענע בעקריי, א סטאלעריי, מקוואות, א וועשעריי מיט איין ווארט—א רחבות, וואס איז זעלטען צו זעהען.

מיר האבען געטראפען פונקט צום מיטאג. אין א גרויסען זאל אין פארטער זיצען ארום ביי די טישען די עטליכע הונדערט בחורים, וועלכע זענען זיך דארט צוזאמענגעקומען מארבע פנות העולם (אויסער פון טשענסטאכאוו, וועלכע האט קיין איינציגען בחור נישט אוועקגעשיקט אין דער לובלינער ישיבה) און עסען מיטאג. א גאליציאנער יורעל, דער בעריהמטער אבעלע פריימאן, מיט א ממזר'יש קאפעלע אויפ'ן קאפ, טיילט דאס עסען. אבער אזוי שנעל, אז ס'איז שווער צו דערזעהן מיט'ן אויג.

אויפ'ן ערשטען שטאק איז דער שיעור-זאל צוזאמען מיט א בית המדרש; דארט איז אויך פערהאנען א גאלעריע פאר נשים. אין א ווינקעל קארידאר פערקויפט מען פערשידענע ספרים.

אין דער ישיבה געפינט זיך אויך א לעזע-זאל און א גרויסע ביבליאטעק א. נ. „עקר הספרים", עטליכע טויזענד יקר המציאות'ן און מען האלט זי אין איין פערגרעסערען.

מיט איין ווארט-וואס פארע בעציהונג מען זאל נישט האבען צו דער ישיבת חכמי לובלין, איין זאך מוז מען אבער אנערקענען, אז דאס איז א פרעכטיגער בנין און זיין גרינדער האט געוואלט פעראייניגען די אלטע תורה מיט די מאדערנע צייטען.

די ישיבה קאן מען אנרופען: דאס נייע לובלין. עס איז אבער אויך דא דאס אלטע לובלין, וואס דערצעהלט פון יאהרען הונדערטער און דורות, וועלכע זענען פערשוואונדען. זייערע סמנים זענען אבער נאך געבליבען און דאס איז דער אלטער בית עולם, די געטא, די פערשידענע שוהלען און בתי-מדרשים.

דאס בית המדרש פון „חוזה"

כאטש ס'איז דארט אינסטאלירט עלעקטריע, איז אבער אלץ געבליבען ווי אמאל. אין דער הויף זענען נאך פערהאנען, הגם זיי זענען שוין געשטיקעוועט, די 17 בעלקעס, כמנין „טוב". דאן געפינען זיך נאך ביים ארון קודש די 26 אייל-לעמפלעך, כמנין „הויה", וועלכע ווערען אנגעצינדען נאר פרייטאג-צו-נאכט'ס. ס'שטעהט נאך דער טיש, אויף ווערכען ס'איז פארגעקומען די טהרה פון „חוזה". בכלל זענען די טישען פון חוזה'ס בית המדרש אזוי דיק, אז זיי קאנען נאך אויסהאלטען עטליכע הונדערט יאהר. הארט ביים פענסטער פון דער רעכטער זייט שטעהט דער טיש, אויף וועלכען ס'האט געלערנט דער „יוד הקדוש".

מיר האבען אויך בעזוכט די

„מהרש"ל"(שוהל,

וועלכע צעהלט שוין איבער 400 יאהר און איז די שטאדט-שוהל.

די מהרש"ל-שוהל איז שוין אין משך פון דער צייט איבערעמאנטירט געווארען. ס'איז אבער געבליבען אומגעענדערט דער כאראקטער און סטיל.

אין מהרש"ל-שוהל האבען מיר צופעליג געטראפען דאס אבריכטען א גאטעס-דינסט לכבוד דעם אונאבהענגיגקייטס יום טוב.

איבער דער מהרש"ל-שוהל געפינט זיך די שוהל פון מהר"ם, וועלכע דערצעהלט אייך א געשיכטע פון הונדערטער יאהרען.

אויך האב איך בעזוכט דאס בית-המדרש פון ר' שלמה איגר („תורת אמת"), וועלכעס איז איינגעארדענט שוין אביסעל מעהר מאדערן, אבער אלץ אין סטיל פון די איבריגע בתי מדרשים.

אין לובלין לעבט היינט אויך דער רבי ר' שלמה איגר, אנ'אייניקעל פון ר' שלמה איגר—„תורת-אמת", וועלכער ווערט געשעצט דורך דער גאנצער לובלינער יודישער בעפעלקערונג פאר זיין גרויסער חכמה און דער עיקר פאר זיין בעשיידענהייט און תמימות.

דאס טויטע געסיל

איך האב געוואנדערט איבער דער אלט-שטאדט פון לובלין, געזעהען די אלטע איינגעהויקערטע הייזלעך, זיך צוגעקוקט צו די איינגעדארטע פנים'ער פון די יודען און יודענעס און ס'האט פאר מיינע אויגען זיך פארגעשטעלט א בילד פון פאר עטליכע הונדערט יאהר צוריק, ווען יודען האבען געלעבט אין געטא. ס'האט זיך מיר אויסגעדאכט, אז זייערע קרומע רוקענס, וואס זענען איינגעקנייטשט געווארען אין יענע טרויעריגע צייטען, האבען זיך נאך נישט אויסגעגלייכט. אויף שריט און טריט וועט איהר אין דער לובלינער יודישער געגענד געפינען סמנים פון דעם אלטען אזוי בעריהמטען יודישען היסטארישען לובלין.

מיר טשענסטאכאווער יודען, וועלכע האבען נישט קיין טראדיציע מיט אונזער ישוב, זעהען אויס נעגען די לובלינער, ווי אויסגעפוצטע פראנטען.

איבערהויפט מאכט א טיעפען איינדרוק אין לובלין דאס אזוי-גערופענע טויטע געסיל, וואס איז שמאל, אזוי אז 2 מענשען איז שווער אדורכצוגעהן צוזאמען אין דער ברייט. און אט דאס „טויטע געסיל" כאראקטעריזירט אמבעסטען דאס אלטע יודישע לובלין.

די היינטיגע פלאג

לובלין איז אויך נישט בעפרייט פון דער היינטיגער ענדעקישער פלאג. עס געהט דארט ארויס א אנטיסעמיטישע צייטונג, וועלכע העצט כסדר אויף יודען. אויך ווערען פון צייט צו צייט פערשפרייט העצ-אויפרופען, דאך אבער פיהלען דאס די יודען נישט אזוי שטארק, ווי מיר אין טשענסטאכאוו. אפשר איז דאס דערפאר, ווייל אין לובלין מאכען די יודען אויס איבער 40 פראצענט פון דער אלגעמיינער בעפעלקערונג (לובלין צעהלט 117 טויזענד נפשות און דעם קנאפע 47 טויזענד יודען).

צום סוף וויל איך נאך צוגעבען, אז אין לובלין איז אין יודישען לעבען צו בעמערקען צוויי גגעגנזעצליכע קאנטראסטען: די מעהר פארמעגליכערע בעמיהען זיך מיט אלע כחות זיך צו אסימילירען, וואס ווייניגער האבען צו טהון מיט יודישע ענינים; דאס ארימקייט ווידער און די פאלקס-מאסען קלאמערן זיך אין מאדערנעם יודישקייט און דערפאר איז פערשטענדליך, וואס אין לובלין, וועלכע האט אפילו נישט קיין גרויס פראדוקציע, האט טונדעסטוועגען דער „בונד" דארט א גרויסע השפעה און דאס נישט בלויז אויף די אויסגעשפראכענע פראלעטאריצו, נאר אויך אויף א גרויסען טייל ארימקייט און זאגאר אויף ווייניגער בעמיטעלטע.

דער 15-יעהריגער יובל פון היגען „בית-לחם"

די צווייטע וואך זונטאג ווערט געפייערט דער 15-יעהריגער יובל, זינט עס איז ביי אונז אין שטאדט געגרינדעט געווארען דער „בית לחם".

עס איז איבריג דא צו דערמאנען וואס פאר א בעדייטונג דער „בית לחם" האט פאר די ארימע נויטבעדערפטיגע יודען פון אונזער שטאדט. עס איז גענוג צו כאפען א בליק בעת דער „בית לחם" ארדענט איין א יום-טוב-אקציע, ווער עס זענען די מקבלים: יודען, וועלכע האבען ערשט נישט לאנג אליין געגעבען צדקה, און שוין איצט מוזען זיי אויסשטרעקען די האנד צו אנדערע.

אין משך פון די 15 יאהר האט דער „בית לחם" אנגעשטרענגט אלע כחות, כדי צו קאנען ערפולען אין דער פולער מאס די אויפגאבען, וועלכע ער האט זיך געשטעלט און מען מוז דא אפען זאגען, אז טיילמאל, זעהענדיג די גרויסע נויט, וועלכע עס העלפט און גישט האבענדיג די מיטלען דערצו, האט די פערוואלטונג אויף איהר איינענעם חשבון, נישט וויסענדיג פריהער ווי אזוי זי וועט דאס דעקען, זיך געבארגט און בעמיהט צו בעפרידיגען אלע נויטבעדערפטיגע, אז זיי זאלען נישט דארפען צו הונגערן.

צום 15-יעהריגען יובל פון „בית-לחם"-עקזיסטענץ מוז מען זיך אבער אבגעבען א דין וחשבון וועגען די ווייטערדיגע פערספעקטיוען פון דער אזוי וויכטיגער אינסטיטוציע און זאל דא ערלויבט זיין צו זאגען אפען און קלאר, אז די יודישע בעפעלקערונג אין אונזער שטאדט האט נישט ווי געהעריג ערפילט איהרע התחייבות לגבי דער דאזיגער אינסטיטוציע. מען האט די גאנצע ארבייט פון „בית לחם" ארויפגעווארפען אויף יחידים, אזוי ווי דאס וואלט מעהר קיינעם נישט אינטערעסירט, נאר די דאזיגע איינצעלנע, וועלכע האבען זיך איינגעשפאנט אין וואגען און זיי מוזען איהם שלעפען.

אין דער איצטיגער שווערער צייט, ווען די נויט איז א תושב אין די יודישע שטובען און פון טאג צו טאג ווערט זי, צוליעב דער וואקסענדער אויסראטונגס פאליסיק לגבי יודען, אלץ גרעסער, דארף די גאנצע יודישע בעפעלקערונג אין אונזער שטאדט, ביי וועמען עס טליעט נאך א פונק פון רחמנות צו אונזערע ארימע ברידער און שוועסטער, מיטהעלפען צום ערפאלג פון „בית לחם". הונדערטער בכבוד'ע ארימע יודישע פאמיליעס אין אונזער שטאדט הונגערן אין פשוט'ען זין פון ווארט, צי קאנט איהר דאס גלייכגילטיג צוקוקען און שווייגען?

15 יאהר איז אוועק זינט דער „בית לחם" שטעהט ביי דער ארבייט און צום יובל וויל ער נישט קיין שום זשעטשענען אדער אנדערע שבחים. דער בעסטער דאנק פאר'ן „בית לחם" וועט זיין, ווען די גאנצע יודישע בעפעלקערונג וועט ווארים אונטערשטיצען זיינע אונטערנעמונגען.

אט צו דער דאזיגער הייליגער ארבייט רופט אייך דער „בית-לחם" צום 15-יעהריגען יובל פון זייער עגזיסטענץ.

א פערוואלטונגס-מיטגליד פון „בית לחם".

ווי אזוי בעקומט מען ביליגע בעלייכטונג?

יעדער פון אונז האט דעם ציעל צו בעקומען די ביליגסטע, אבער בעסטע און שענסטע בעלייכטונג. דאס, וועט אייך נישט שווער אנקומען, אויב איהר וועט קויפען און בענוצען בלויז אזעלכע לעמפלעך, פאר וועלכע דער פראדוצענט גאראנטירט, אז זיי בעזיצען א גרויסע אויסגיביגקייט פון בעלייכטונג ביים בענוצען ווייניג שטראם. אויב עס איז אויפ'ן לעמפיל אנגעגעבען דאס אויסנוצען די צאהל וואטען, דאמאלס האט דער קונה נישט קיין מעגליכקייט זיך איבערצוצייגען וועגען זיין קוואליטעט, ווייל אמישאריזאמסטען זענען בלויז די לעמפלעך, וועלכע האבען ביי דער אננעגעבענער בעלייכטונג-אויסגיביגקייט גאראנטירט דאס קלענסטע אויסנוצען פון שטראם. ביי די גאזירטע „אסראמובקעס צע" איז דאס אויסנוצען שטראם זעהר שפארזאם, אויסער דעם בעזיצט יעדעס לעמפיל א גאראנטיעסטעמפעל, וואס בעצייכענט די בעלייכטונג - אויסגיביגקייט און דעקאלומענעט און קליינע אויסנוצונג פון שטראם אין וואטען. די אינטווייניג מאטירטע „אסראמובקעס דע" האבען נאך די מעלה, וואס זיי פערבלענדען נישט און צושפרייטען נישט אהן שאדען די בעלויכטונג-אויסגיביגקייט.

וואס איז געווען זעהר אינטערעסאנט.

פרץ טשארקע, א זוהן פון א ווילנער דרוקעריי-אייגענטימער, האט אבער א ציגיינערישע נשמה. ער קאן זיך בשום אופן נישט אויפהאלטען אויף איין ארט. אין א שעהנעם פריהמארגען כאפט זיך אויף לאפעק און אהן איין גראשען אין טאש פאהרט ער אונטער דער באנק קיין פאריז, וואו ער איז אבגעווען א קיילעכדיג יאהר, געטהון כל עבודות פרך, ביז ער איז צוריקגעקומען קיין ווילנע.

דאס צווייטע מאל האב איך איהם בעגעגענט אין טשענסטאכאוו. זיצענדיג אין רעדאקציע, עפענט זיך די טהיר און עס פאלט אריין פרץ אין א צוריסענעם אנצוג מיט אויסגעקרימטע שיך. איך האב זיך פשוט דערשראקען פאר זיין אויסזעהן. פרץ אבער איז נישט פעסימיסטיש געשטימט. ער דערצעהלט א מעשה, אז ער האט ווידער געוואלט פאהרען קיין פאריז, ער איז שוין געווען אין בעלגיע, נאר מען האט איהם געכאפט, איינגעזעצט און קוים מיט צרות האט ער זיך אהערגעשלעפט קיין טשענסטאכאוו. האבענדיג דא צוא טייערען פושיאטשעל, האט ער געהאלטען פאר זיין חוב אבצושטאטען א וויזיט. ער דארף נישט חלילה קיין הילף, פרץ טשארקע וועט זיך שוין אנ'עצה געבען.

צום דריטען מאל האב איך בעגעגענט לאפעק'ן דאס מאל אין ווארשאווער יודישען ליטעראטען - פעראיין, אויסגעפוצט אין האניג און עסיג, אין א נייעם פאלטען, א פיינעם קאפעלוש. וואס איז? ער האנדעלט שוין מיט פוטער; ער וואוינט אין א האטעל, איהם ציהט אבער צו דער ביהנע. ער איז לאפעק, ער קאן זינגען, ער קאן טאנצען, און אבפטרן זיין לעבען מיט מסחר איז פאר איהם פשוט'ער זעלבסטמארד.

פרץ טשארקע, דער יודישער לאפעק, האט א גאלדענע נשמה. מיט'ן לעצטען גראשען, אויב ער האט נאר, טיילט ער זיך מיט זיינע חברים און אויב — פערזיכערט ער מיך — מען וועט איהם נישט צונעמען צום מיליטער (ער איז אלט 21 יאהר) וועט ער נאך קומען אויך קיין טשענסטאכאוו, איינארדנען א קאנצערט אין דער יודישער און אין דער פוילישער שפראך, כדי צו בעווייזען וואס דער יודישער לאפעק קאן.

א חינוך ספר-תורה

אז יודען, די אתה-בחרתנו, האבען ליעב די תורה, איז אנ'אלטער אמת. האבען דאך יודען אין משך פון דורות געהאלטען אין איין פערגרעסערען די תורה מיט ספרים, חיבורים, פירושים און אויך זעהר אפט איינגעארדענט פייערונגען פון ספרי תורות.

אמאל איז יעדער חינוך פון א ספר-תורה געפייערט געווארען מיט גרויסע פאראדען און אילומינאציעס; עס איז געווען א געשעהעניש פון גרויסען פארמאט. לעצטענס איז שוין דאס מחנך זיין א ספר תורה פערבינדען מיט ווייניגער פאראד, כאטש די שמחה ביי יודען איז נאך ביי אזא פייערונג אויך גרויס.

אין טשענסטאכאווער יודישען שפיטאל איז פערהאנען א מנין, וועלכעס דאווענט שבתים און ימים טובים. דאס מנין בעשטעהט פון ווייניג בעמיטעלטע בעלי בתים, וועלכע האבען געדאווענט מיט א געבארגט ספר תורה.

זייער שטרעבונג איז אבער געווען זיך צו צראבערען אנ'אייגען ספר-תורה. האבען זיי געקליבען א גראשען צו א גראשען, זיך אבגעזאגט אפילו פון שמחת תורה'דיגען קידוש און בעסער אוועקגעגעבען דאס געלד אויסצופערטיגען דאס ספר-תורה.

ענדליך איז דאס ספר תורה פערענדיגט געווארען און זונטאג, דעם 7-טען טאג חנוכה וועט אין זאל פון די האנדווערקער פארקומען דער פייערליכער חינוך הספר-תורה.

צו אונז האט זיך געוואנדען א דעלעגאציע פון שפיטאל-מנין און אונז געבעטען, אז מיר זאלען וועגען דעם שרייבען אין דער צייטונג, ווען מיר האבען זיי געענטפערט, אז היות ווי דער חינוך קומט ערשט פאר אין צוויי וואכען ארום, וועלען מיר נאך האבען צייט צו שרייבען, האט די דעלעגאציע געבעטען, אז מיר זאלען פריהער שרייבען, מחמת די שמחה איז ביי אזוי גרויס, וואס זיי קאנען ענדליך מחנך זיין אנ'אייגען ספר תורה, אז זיי האלטען, דאס די גאנצע יודישע בעפעלקערונג אין אונזער שטאדט וועט זיך מיט זיי מיטפרעהען. דערמיט וועלען זיי מיטווירקען, אז דאס יודישע שפיטאל זאל ווערען פאפולער און אגב, ביי דער שמחה אבלעקען א ביינדעל...

מיר טהוען צוליעב די דאזיגע פראסטע אבער הארציגע יודען און שרייבען שוין היינט, אז אין צוויי וואכען ארום וועט פארקומען דער חינוך הספר תורה, איינגעארדענט דורך די יודען, וועלכע דאווענען אין מנין פון יודישען שפיטאל.

לויתן

דער צוזאמענפאהר פון פארשטעהער פון שטעדט אין דער קעלצער און לאדזער וואיעוואדשאפטען

אין טשענסטאכאוו

לאוניק פיאנטקאווסקי לעגט פאר צו בעזייטיגען די יודען פון גרעניץ-פאס.

ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט איז לויט דער איניציאטיווע פונ'ם פערבאנד פון שטעדט, צוזויפגערופען געווארען קיין טשענסטאכאוו א צוזאמענפאהר פון פארשטעהער פון די שטעדט אין דער קעלצער און לאדזער וואיעוואדשאפטען.

נאכ'ן אבריכטען א גאטעסדיענסט אויף דער יאסנא-גורא און לעגען א קראנץ פאר'ן דענקמאל פון מארשאל פילסודסקי, האט זיך דער צוזאמענפאהר געעפענט מאנטאג האלב 11 א זייגער אין זאל פון די פייערלעשער. עס זענען אנוועזענד אנ'ערך 200 פערזאן, דערונטער עטליכע דעפוטאטען און סענאטארען, פרעזידענטען און בירגערמייסטערס פון אלע שטעדט אין די ביידע וואיעוואדזטוועס, ראטמענער און געסט. יודישע דעלעגאטען זענען פערהאן סך-הכל 3, דערונטער פון סאסנאוויץ, טשענסטאכאוו און בענדין.

נאכדעם, ווי דער היגער שטאדט-פרעזידענט ה' שטשאדראווסקי עפענט דעם צוזאמענפאהר ווערען אויסגעוועהלט אין פרעזידיום: אלס פארזיצער — פרעזידענט גאדלעווסקי פון לאדז און אלס בייזיצערס די שטאדט פרעזידענטען פון פיעטרקאוו, אסטראוויעץ, זגערזש, ראדאם און טשענסטאכאוו.

דער פארזיצער לעזט פאר דעם טעקסט פון טעלעגראמען, וואס ווערען אבגעשיקט צום מלוכה-פרעזידענט און צום מארשאל רידז-שמיגלי, און דאן ווערען געהאלטען א רייה רעפעראטען וועגען אקטועלע פראבלעמען אין דער שטאדטישער זעלבסטפערוואלטונג.

ס'ווערען פארגעלעזען די טעלעגראמען וואס זענען אנגעקומען פון פרעמיער סקלאדקאווסקי, וויצע-אינערן-מיניסטער קארסאק און פרעזעס פונ'ם שטאדט-פערבאנד סטאזשינסקי, וועלכער ווינשט דעם צוזאמענפאהר געהעריגען ערפאלג.

דערנאך האבען די געסט בעזוכט פערשידענע טיילען פון דער שטאדט און נאך א הפסקה ביז 5 א זייגער האבען זיי זיך פערזאמעלט אין זאל, וואו ס'האט זיך אנגעהויבען די דיסקוסיע ארום די געהאלטענע רעפעראטען. אין אווענד איז אין טעאטער „קאמעראלני" געגעבען געווארען א ספעציעלע פארשטעלונג פאר די דעלעגאטען.

דינסטאג אין דערפריה זענען אין פייערלעשער זאל פארטגעזעצט געווארען די ווייטערדיגע רעפעראטען און דיסקוסיע ארום די פערשידענע פראבלעמען פון די שטאדטישע זעלבסט-פערוואלטונגען.

צווישען אנדערע האט דער היגער לאוניק פיאנטקאווסקי, אלס איינער פון די דעלעגאטען מצד טשענסטאכאוו געגעבען א פארשלאג, אז דער צוזאמענפאהר זאל בעשליסען צו דערווייטערן די יודען פון גרעניץ פאס, ד. ה. אלזא אויך פון טשענסטאכאוו.

דעם דאזיגען פארשלאג האט דאס פרעזידיום נישט געשטעלט צו קיין אבשטימונג און ס'איז אויך קיינעם נישט ערטיילט געווארען קיין ווארט וועגען דעם, נור ער איז בלויז איבערגעוויזען געווארען צום פרעזידיום פון פערבאנד פון שטעדט אלס דעזידעראט.

ארום 12 א זייגער, נאכ'ן שליסען די דעבאטען איז אנגענומען געווארען פאלגענדע הויפט-רעזאלוציע:

„דער רעגיאנאלער צוזאמענפאהר פון די שטעדט פון דער קעלצער און לאדזער וואיעוואדשאפטען, וואס איז פארגעקומען אין טשענסטאכאוו, שטעלט פעסט, אז די פינאנציעלע שוועריגקייטען האבען נישט בלויז א קאניונקטורעלען, נור אויך א סטרוקטועלען כאראקטער און דעריבער עקזיסטירען זיי ווייטער טראץ דער רעגירונגס-ענטלאסטונגס-אקציע און טראץ דער ווירטשאפטליכער בעסערער קאניונקטור, איבערהויפט, אז אויף די שטעדט ליגט דער לאסט און נויטיגקייט צו פיהרען אויף אייגענעם רעכנונג די ארבייטען אויף צו בעשעפטיגען ארבייטסלאזע.

„דער צוזאמענפאהר אפעלירט צום פרעזידיום פונ'ם פערבאנד פון די שטעדט, אז ער זאל ווייטער פארטזעצען די אקציע, וואס שטיצט זיך אויף די בעשלוסען פון לאנד-צוזאמענפאהר פון די שטעדט אין ווארשא, וואס האבען דעם ציעל צו שאפען געהעריגע בעדינגונגען פאר דער ענטוויקלונג פון די שטעדט און אקטיווירען פון דער שטאדטישער ווירטשאפט און דאס הויפטזעכליך דורך א דרינגענדע גרעסערע פערשטארקונג פון די הכנסה-קוואלען, בעפרייען די שטאדטישע גמינעס פון מאנכע ארויפגעווארפענע שטייערען דורכ'ן מלוכה אוצר, ווי אויך צו ערמעגליכען בעקוועהמע קרעדיטען אויף אינוועסטיציע צוועקען, ווי אויך צו ברענגען אין ארדנונג די עקזעקוציעס פון די שטאדטישע חובות".

נאכמיטאג האבען די דעלעגאטען געמאכט א בעזוך איבער דער שטאדט און דערמיט איז דער צוזאמענפאהר פערענדיגט געווארען.

פון „בני ציון"

אין משך פון דער וואך קומען פאר:

מארגען שבת 4 נאכמ. א רעפעראט א. ד. ט.: „די פראפעסיאנעלע בעוועגונגען".

דינסטאג, דעם 26 נאוועמבער 9 אווענד א ציוניסטישער סעמינאר.

נאר נייע הייזער מיט קליינע וואוינונגען וועלען געניסען פון די ביזאיצטיגע שטייער-הנחות

די רעגירונג האט שוין בעשלאסען גרינדליך צו רעפארמירען די שטייער-הנחות וואס מען האט געהאט אויף בויען נייע וואוינונגס-הייזער.

די שטייער-הנחות עקזיסטירען פון יאהר 1922 און אין 1933 זענען זיי פערגרעסערט געווארען דאס זענען וויכטיגע פערלייכטערונגען פון וועלכע עס האבען געגאסען אי די הויזווירטען אי די לאקאטארען פון נייע הייזער.

15 יאהר איז דער הויזווירט בעפרייט פון צו צאהלען הכנסה-שטייער פון הויז און אלע אנדערע הייזער-שטייערען פאר דער מלוכה און דער שטאדט. א חוץ דעם ווערען די בוי-קאסטען אראבגערעכענט פון דער הכנסה פון דער אונטערנעהמונג בעזונדערס צאהלען נישט די לאקאטארען קיין לאקאל-שטייער.

די דאזיגע וויכטיגע הנחות, וועלכע זענען איינגעפיהרט געווען אויך אין אויסלאנד, האבען אויף אנ'אונגעוועהנליך שטארקען אופן געווירקט צו א גרויסע בוי-ארבייט אין פוילען.

ספעציעל אין די לעצטע 6—8 יאהר איז די בוי-בעוועגונג געווען זעהר גרויס אין גאנץ פוילען. א דאנק דעם איז קלענער געווארען די וואוינונגס נויט.

אין דער לעצטער צייט האבען מאנכע ספערען ארויסגעשטעלט א טענה, אז צוליעב די גרויסע שטייער-הנחות אויף בויען הייזער פערווענדען די פאבריקס אייגענטימער זייערע הכנסות נאר אויף צו בויען הייזער און זיי פערנאכלעסיגען זייערע פאבריקען, זיי פערגרעסערען נישט די פאבריקען. צוליעב דעם איז די פאבריקאציע אין פוילען אויף א נידריגע שטופע און איז נישט צוגעפאסט צו די איצטיגע נייע בעדערפענישען.

די רעגירונג איז צוליעב דעם דעצידירט אבצושאפען די שטייערען הנחות אויף וואוינונגען. אנשטאט דעם וועט מען איינפיהרען וויכטיגע שטייער-הנחות פאר בויען פאבריקען, פאר פערגרעסערען די פאבריקען און פאר מאכען וויכטיגע אינוועסטיציעס אין די פאבריקען, וואס עקזיסטירען שוין.

די רעגירונג וועט אבער איבערלאזען די שטייער-הנחות אויף נייע הייזער וואס וועלען געבויט ווערען ספעציעל אין די ארבייטער-קווארטאלען און אין ארבייטס צענטרען אויב די נייע הייזער וועלען בעשטעהען פון בלויז קליינע וואוינונגען צו 1 און 2 צימערען מיט קיך.

אויף צו בויען אזעלכע הייזער וועט די רעגירונג בארגען געלד און מען וועט מאכען גרויסע שטייערען-הנחות.

די רעפארמען פון די שטייער-הנחות אויף נייע הייזער וועלען דורכגעפיהרט ווערען נאך צום איצטיגען ניי-יאהר.

צו אלע מיטגלידער פון קליינהענדלער-פערבאנד און סתם קליינהענדלער

די פערוואלטונג פון טשענסטאכאווער קליינהענדלער-פערבאנד, צוטרעטענדיג צום ארגאניזיר-קאמיטעט פון קאנגרעס פאר יודישע זעלבסטהילף אין פוילען, און נעמענדיג אויף זיך די גרויסע אויפגאבען, וואס ס'שטעהען אין צוזאמענהאנג דערמיט פאר'ן ארטיגען קליינהענדלערטום פאדערט אויף אלע איהרע מיטגלידער צו נעמען אנ'אקטיווען אנטייל אין די וואהלען צום קאנגרעס.

די יודישע דעטאליסטען-קליינהענדלער פיהלען אמבעסטען די בעדייטונג פון אזא קאנגרעס פאר דער יודישער זעלבסטהילף, וואס זאל איינמאל פאר אלעמאל א סוף מאכען צו דעם הערשענדען כאאס אויפ'ן געביעט פון יודישער סאציאלער הילף און וואס זאל קאנצענטרירען אלע כחות פון פאלק אינ'ם קאמף פאר דער פערטיידיגונג פון אונזערע עקזיסטענץ פלאצובקעס. די צענטראל-פארשטעהער פון יודישע קליינהענדלער זענען געווען די ערשטע, וואס האבען נאך מיט יאהרען צוריק געווארפען די לאזונג פון אזא קאנגרעס און גערופען צו זיין ארגאניזירונג. ענדליך האבען אויך אנדערע געזעלשאפטליכע גרופירונגען, וואס האבען א לאנגע צייט זיך גלייכגילטיג בעצויגען צו דער אידעע פון קאנגרעס, אנערקענט די גרויסע בעדייטונג וואס ער קאן האבען אין יודישען לעבען.

איצט מוזען קומען די טהאטען. פון אונזערע אנשטהענגונגען איז אבהענגיג דער ערפאלג פון ערשטען יודישען קאנגרעס. דורך אונזער געמיינזאמער ארבייט מוזען מיר פערזיכערן דעם קאנגרעס אנ'אימפאזאנטען כאראקטער און אקטיוויזירען ארום איהם הונדערטער טויזענדער יודישע פאלקס-מענשען אין פוילען.

אין אנבליק פון די גרויסע אויפגאבען, וואס שטעהען אונז פאר, דארף אונזער אבטיילונג בעלייגען אנ'אקצעס צו דער קאנגרעס-פראגע און זעהן, אז דאס דעטייל און קליינהענדלערטום זאל זיין ווי געהעריג רעפרעזענטירט.

צו דעם צוועק האבען מיר געשאפען א ספעציעלע קאנגרעס-קאמיסיע, אין וועלכער עס געהט אריין די גאנצע פערוואלטונג פון דער אבטיילונג, פרעזידיום פון די סעקציעס און אקטיווע טהוער, וועלכע וועלען אנפיהרען מיט דער קאנגרעס ארבייט פון אונזער פערבאנד.

אין משך פון דער גאהנסטער צייט, וועלען גערופען פערזאמלונגען פון מיטגלידער, אויף וועלכע עס וועלען פאפולאריזירט ווערען די לאזונגען פון קאנגרעס. אלע דארפען צוגעצויגען ווערען צו דער קאנגרעס-ארבייט און ענערגיש זיך נעמען פערשפרייטען די קאנגרעס-קארטען. יעדער איינער מיטגליד און סתם דעטאליסט-קליינהענדלער, מוז אויסקויפען א קארטע פאר זיך און פאר זיינע משפחה-מיטגלידער, עלטערע פון 18 יאהר (אהן אונטערשיד פון געשלכט). ס'דארפען געקויפט ווערען אונזערע וואהל-לעגיטימאציעס, וועלכע זענען פערזעהען מיט'ן פעראיינס סטעמפעל. דער פרייז פון א קארטע איז 10 גראשען. פארשטעהער פון אונזער קאנגרעס קאמיסיע וועלען צו דעם צוועק זיך ווענדען צו אלע מיטגלידער.

אויך האבען מיר איינגעארדענט א ספעציעלע קאנגרעס-ביורא ביי אונזער אבטיילונג, וועלכע איז טעטיג יעדען טאג און מען קאן בעקומען גענויע אינפארמאציעס און אינסטרוקציעס וועגען אלע קאנגרעס-אנגעלעגענהייטען.

געדענקט! ס'מוז זיין א ווירדיגער און מוטיגער ענטפער פון דער יודישער בעפעלקערונג און קליינהענדלער-מאסען אויף דעם אנגריף פון שווארצע כחות ביי אונז אין לאנד!

נעמט אין אכט, אז פון דער צאהל קארטען איז אבהענגיג אונזער אנטייל און כח, אנזעהן און פרעסטיזש אויפ'ן קאנגרעס, און דעריבער מוז אנזער לאזונג זיין:

וואס מעהר קליינהענדלער-וועהלער צום קאנגרעס!

וואס מעהר דעלעגאטען פון די קליינהענדלער-וועהלער צום קאנגרעס!

פערוואלטונג און קאנגרעס-קאמיסיע ביים קליינהענדלער-פערבאנד אין טשענסטאכאוו.

טרויער-אקאדעמיע צו די שלושים פון ישראל טיבערג.

זונטאג, דעם 21 ד. ח. 8.30 אווענד, קומט פאר אין לאקאל פון „מכבי" א טרויער-אווענד געווידמעט די שלושים פון פריהצייטיג פערשטארבענעם ישראל טיבערג, וועלכער איז מיט איינינע וואכען צוריק טראגיש אומגעקומען אין תל-אביב. דער פערשטארבענער איז געווען איינער פון די מיטגרינדער פון היגען „מכבי".

עס איז צו האפען, אז די אקאדעמיע וועט צאהלרייך בעזוכט ווערען דורך אלע „מכבי"-מיטגלידער, ווי אויך דורך אלע, וועמען עס איז הייליג טיבערג'ס אנדענקען.

פון קולטור-קרייז ביים י.ט.ס.פ. „מכבי".

פרייטאג, דעם 19 ד. ח. פונקטליך 8.30 אווענד, קומט פאר א קעסטיל-אווענד מיט'ן אנטייל פון פרעזעס אדוו. ל. אש, מ. רוזשעוויטש א.א.

אין קורצען וועט פארקומען א גרויסער ליטעראריש הומאריסטישער אווענד, איינגעארדענט דורכ'ן קולטור-קרייז ביים „מכבי", צו וועלכען עס ווערען שוין געמאכט פיבערהאפטען צוגרייטונגען. פרטים אין די אפישען.

פון „בית לחם"

דער בלימעל-טאג פון „בית-לחם", וואס איז פארגעקומען מיטוואך, דעם 17 ד. ח. האט געבראכט הכנסה 138.28 זל.

טעאטער-נאטיצען

דער קאנצערט-אווענד פון נעמי ליף און יוסף גאלאנד

טשענסטאכאוו — מיט א יודישען קיבוץ פון איבער 30 טויזענד נפשות — האט שטענדיג געהאט, אמאל א גרעסערן, אמאל א קלענערן, אבער שטענדיג א גענוג גרויסען אינטערעס פאר יודיש טעאטער; א פאזיטיווע בעציהונג צו אלערליי יודישע טעאטער-אימפרעזען. אז דאס איז אמת, קען אונז איבערצייגען דער ערפאלג, וואס יודישע ארטיסטען האבען ביי אונז געהאט אין די פערגאנגענע יאהרען. יעדעס יודישע טעאטער האט זיך געהאט זיינע אנהענגער: אנ'אפערעטען-טרופע — די פאלקס מאסען און דאס בעסערע, ערנסטע יודישע טעאטער — די יודישע אינטעליגענץ פון פערשידענע שיכטען. די צייט מוז מען צושרייבען אלס שבח פאר אונזער שטאדט.

לעצטענס האט זיך אבער די לאגע אויף דעם געביעט אינגאנצען געענדערט. די „גאלדענע" תקופה איז שוין פאראיבער און ווער ווייסט אויף ווי לאנג נאך. מיר ווילען נישט איצט אריינדרינגען אין דעם, וועמענס שולד עס איז, וואס ס'קענען אדורכגעהן חדשים און מיר זאלען נישט זעהען און הערען קיין יודיש טעאטער, וואס וואלט גיכער געפאסט פאר א קליין, פערווארפען העק ערגיץ אונטער די הרי חושך, אבער קיינמאל נישט פאר אזא שטאדט טשענסטאכאוו, וואו ס'פולסירט, סוף כל סוף, א פאליטיש-געזעלשאפטליך לעבען. אזא פערוואָרלאזטקייט, אזא קולטורלאז לעבען, איז באמת א חרפה. ס'איז שווער צו פערשטעהן, פארוואס ס'זאלען זיך נישט געפינען דא אויפ'ן ארט אייניגע עסקנים, וואס האבען אנ'אינטערעס פאר יודישע קולטור-ענינים, וועלכע זאלען וועגען דער זאך ערנסט א טראכט טהון.

יעדער איינער וואלט דעריבער געקענט טראכטען, אז אויב ס'פידערען שוין יא אראב צו אונז יודישע ארטיסטען נאך אייניגע חדשים אבוועזענהייט, איז זייער ערפאלג א געזיכערטער, וועט דער ברייטער יודישער עולם, וועלכער איז אויסגעהונגערט נאך אזא צייט, זיכער קומען מאסענווייז בעזוכען דאס טעאטער.

אזוי איז עס אבער ליידער נישט.

דאס אויבענדערמאנטע האבען מיר געבראכט אין צוזאמענהאנג מיט דעם אויפטריט פון די צוויי ארץ-ישראל-קינסטלער, וועלכע האבען איבעראל, אין אלע גרעסטע וועלט-צענטערן, געהאט דעם גרעסטען ערפאלג און דא, ביי אונז אין שטאדט, נישט.

איצט שטעלט זיך די פראגע:

וואו זענען געווען אונזערע נאציאנאל-דענקענדע, העברעאיש-רעדענדיגע קרייזען און סתם-העבראיסטען? מילא, אין יודישען טעאטער, וואו מען שפילט אויף דער יודישער שפראך קומען זיי נישט, אבער אז ס'זענען געקומען, אמאל אין א יובל, פאלעסטינעזער, וועלכע האבען געזינגען העבראישע לידער פון היינטיגען ארץ-ישראל — האבען זיי דאך זיכער געדארפט זיין אנוועזענד?

* * *

דער קאנצערט פון דעם קינסטלער-פארל איז געווען הערכסט-געלונגען. יוסף גאלאנד איז א חוץ דעם, וואס ער בעזיצט א שעהנע שטימע, אויך א בעגאבטער ארטיסט. בעוועגט זיך אויף דער ביהנע פריי און זיכער. זיין מימיק און ניואנסען זאגען עדות, אז ער האט דורכגעמאכט א געהעריגע צוגרייטונג און שולע אין אזעלכע טעאטערן ווי ס'איז דער „אהל" און „מטאטא". סיי די פאלקס-לידער און סיי אנדערע, וועלכע זענען דורך איהם געזינגען געווארען, זענען פון גוטען רעפערטואר-אויסוואהל און האבען ביים עולם שטארק אויסגענומען. הערענדיג זינגען יוסף גאלאנד'ן, האט מען זיך אויף א וויילע אין דער פאנטאזיע איבערגעטראגען אין דעם איצטיגען קאכעדיגען, ארבייטענדיגען ארץ-ישראל אין מיניאטור. ספעציעל געלונגען זענען געווען די לידער: „פאמעראנצען און פאליטיק", „דער יודיש-קאווקאזישער שיך-פוצער" און „תל-אביב".

נעמי ליף איז בלי ספק א טענצערין פון א גאר-גרויסער מדרגה. מיט רעכט רופט זי זיך טאקי פרימא-באלערינא פון די פאלעסטינער טעאטערן. זי איז נישט סתם קיין טענצערין אין געוועהנליכען זין פון ווארט, נאר א קינסטלערין אין איהר זשאנר. אויב דער געוועהנליכער סאלא-טאנץ איז אן-און-פאר-זיך א גרויסע קונסט, איז דער מזרח-טאנץ פיעל שווערער און קאמפליצירטער. אינ'ם מזרח טאנץ געפינט איהר אלץ: רעליגיעזען עקסטאז, ליידענשאפט, דערהויבונג, גיריגקייט, בענקשאפט, פרייד און געזאנג. די אלע מאמענטען זענען געקומען בולט צום אויסדרוק אין די פערשידענע טענץ, וועלכע עס האט אויסגעפיהרט די שווארץ-חנוו'דיגע „סאברא" נעמי ליף.

איהר שלאנקע פיגור, איהר צויגערודיגער קערפער, האט זיך אזוי עלאסטיש בעוואויגען און געשלענגעלט, אז מאמענטענווייז האט זיך אויסגעדוכטען, אז מען האט נישט פאר זיך קיין מענש פון בלוט און פלייש, נאר א שלאנג און שמעטערלינג צוגלייך. יעדע בעוועגונג אינ'ם טאנץ האט אונז עפיס געזאגט אויף שטום-לשון, וואס יעדער האט קלאר פערשטאנען דעם טייטש און מיין, אזוי ווי זיי וואלטען געווען פון א האמער אויסגעקלאפט.

דער עולם האט זי דערפאר בעשאנקען מיט רוישיגע אפלאדיסמענטען.

ס'איז נאך כדאי צוצוגעבען, אז די קאסטיומען צו יעדען טאנץ, וועלכע זענען דורך נעמי ליף אליין פראיעקטירט, זענען געווען זעהר עפעקטפול און מיט געשמאק.

דער קאנצערט פון דעם ליבען פארל האט אונז נאכאמאל בעוויזען, אז נישט דער כמות, נאר דער איכות דאמינירט, אז ס'מוז נישט דווקא זיין א גרויסער אנסאמבל, נאר ס'זענען גענוג צוויי וואגיגע ארטיסטען, אז דער אווענד זאל זיין א געלונגענער און מען זאל קענען זיצען א צוויי שעה און האבען די אמת גייסטיגע הנאה—ווי ס'איז געווען דער פאל מיט'ן דאזיגען קאנצערט.

מ. קויפמאן

„די קהלה-שטימע"

ארויסגעבער: יודישע קהלה אין ווארשא
רעדאקטאר: פנחס וואסערמאן.

אילוסטרירטער חודש-זשורנאל, געווידמעט דעם גייסטיגען און מאטעריעלען לעבען פון יודענטום.

יעדער נומער ענטהאלט א גרעסערע צאהל ארטיקלען, פיעל אילוסטראציעס, א רייכע כראניק און אינטערעסאנטע סטאטיסטישע ציפערען.

דער פרייז פון איין נומער 60 גר. — אבאנאמענטס-פרייז: יעהרליך 5 זל.
האלב-יעהרליך 3 זל. — פאר איין קווארטאל 1.50 „

אדרעס פון רעד. און אדמיניסטראציע: ווארשא, גזשיבאווסקא 26. טעלעפאן 344.28

א פולשטענדיג-איינגעריכטעטע מעשענגיסעריי

מיט גראווירטע פליטען און מאדעלען פון אלעראַרט קלאמקעס, וואסער-קראנען, ווענטילען א. ז. וו.

צוגעבגליך שוין צו פערקויפען.

זיך ווענדען צו: יאקוב וויינשטאק, אלעע 32.

Erdal pasta do obuwia
nadaje obuwiu kolorowemu lśniący połysk.
Jej tajemnica: użyć jak najmniej pasty Erdal, ale polerować miękkim suknem, aż do lśniącego połysku.

אויסגעצייכענט מיט א גאלדענעם פערדינסט - קרייץ.

דער היגער אינדוסטריעלער ד"ר וולאדיסלאוו זאקס איז אינ'ם טאג פון פוילען'ס בעפרייאונג בעשאנקען געווארען מיט א גאלדענעם פערדינסט קרייץ פאר זיינע לייסטונגען אויפ'ן געזעלשאפטליכען געביעט.

דער ווינטער - הילף - קאמיטעט טרעט-צו דער ארבייט.

אונטער'ן פארזיץ פון סענאטאר זביערסקי איז פארגעקומען א זיצונג פון אויספיהר-קאמיטעט פון דער ווינטער-הילף-אקציע פאר ארבייטסלאזע. דער שווער-פונקט פון דער פערזאמלונג זענען געווען די בעריכטען פון די פארזיצערס פון בעזונדערע סעקציעס.

דער פארזיצער פון דער פערטיילונגס-קאמיסיע סיים-דעפוטאט קאבילעצקי האט מיטגעטיילט, אז די סעקציע האט געשלאסען אנ'אבמאך מיט'ן „יעדנאשטש" וועגען פונאנדערטיילען די קארטאפעל.

לויט'ן בעריכט פון פארזיצער פון דער רעגיסטראציע סעקציע י. טערעד-ניצקי, האבען זיך שוין ביז-איצט גע-מאלדען 3,000 פאמיליעס, וואס בע-שטעהן פון 9 טויזענד פערזאן.

די פינאנץ קאמיסיע מיט דיר. באַ-רילסקי אין דער שפיץ האט שוין פו-נאנדערגעשיקט דעקלאראציעס צו די צאהלער פון הכנסה שטייער מאר אר-בייטסלאזע.

אלס פארזיצער פון דער סעקציע פון עפענטליכע זאמלונגען און אימפרעזען, אין דורכ'ן אויספיהר קאמיטעט בע-שטימט געווארען אינזש. ראמאן ווראָ-בעל.

אויף דער דאזיגער זיצונג איז אויך בעשטימט געווארען ארויסצושיקען קיין קעלץ א דעלעגאציע, כדי צוצואיילען דאס בעשטימען די נויטווענדיגע געלד-סומעס און קויהלען, וועלכע וועלען צוטיילט ווערען אין דעצעמבער.

אין הסכם מיט דער אויפקלערונג פון הויפט קאמיטעט, אז דער פרייווילי-גער שטייער פון בעאמטע קען בערע-כענט ווערען בלויז אויפ'ן סמך פון דער נעטא פענסיע.

6 חדשים תפיסה פאר בעפאלען א סאלטיס.

דעם 3-טען שערפיען ה.י. איז לויט'ן אויפטראג פון דער משענסט. סטאראסטווא אראבגעקומען קיין ריבנא דער טעכני-קער דאניעל קאנאפקא, כדי אויסצופיה-רען די מעליאראציע-פלענער.

קאנאפקא איז צוערשט אוועק צום סאלטיס און געהייסען צוגרייטען דרענג-לען און עטליכע מענשען צו דער ארבייט. ווען דער סאלטיס האט אויס-געפיהרט דעם פערלאנג און די פהור מיט די ארבייטער און דרענגלען האט געריהרט פון ארט, האט א המון, אין וועלכען ס'איז געווען א גרעסערע צאהל פויערן, פערשטעלט דעם וועג און וויקטאריא ווידולא, אלס אנפיהרע-רין מיט די פערזאמעלטע, האט מיט'ן אויסגעשריי: „דערהרגענען אזא סאל-טיס", איהם געווארפען א שטיין אין קאפ אריין. ס'האבען נישט געהאלפען אויפקלערונגען פון סאלטיס, אז ער האנדעלט לויט'ן בעפעהל פון דער סטאראסטווע, ווייל ווידולא האט ווייטער געשריגען: „אזא סאלטיס דארף מען דעם קאפ אבשניידען".

א דאנק דער ענערגישער אינטער-ווענץ פון דער פאליציי איז דעם סאל-טיס געלונגען זיך ארויסצובעקומען פון דער שווערער לאגע.

Dr. med.
A. WOLBERG
choroby skórno - weneryczne
POWRÓCIŁ
i ordynuje od 4—7 po poł.
Aleja Wolności № 13
II piętro tel. 13-67.

געגען פויי ווידולא צוזאמען מיט 5 אנדערע פרויען איז צגוויפנשטעלט געווארען א פראטאקאל, וואס האט זיי דערפיהרט אין געריכט אריין.

אלס עדות איז אויסגעהערט געווא-רען דער עלטערער פאליציאנט שרע-דער, וועלכער האט פעסטגעשטעלט, אז די שטעלונג פון המון איז געווען זעהר געפעהרליך. אויף דער פראגע פון פאר-זיצענדער, צי דער המון האט געקענט ביי אזא צושטאנד אויספיהרען ווידו-לא'ס דראהונג, האט ער געענטפערט, אז די איינוואוינער פון ריבנא געהע-רען צו דער ענדעקישער פארטיי און זיי זענען גרייט אויף אלץ.

אלע אנגעקלאגטע זענען פער'משפט געווארען צו 6 חדשים תפיסה און אב-צולעגען דאס אויספיהרען די שטראף אויף 3 יאהר.

שוידערליכער פארפאל מיט צוויי זעלנער.

נעכטען, ארום 12 א זייגער מיטאג, האבען צוויי זעלנער פון א היגען פולק פאהרענדיג מיט א פוהר נישט בעוויזען צו בעהערשען די פערד, וואס האבען זיך דערשראקען בעת'ן אריבערפאהרען דעם באהן-פושעיאזד. די פערד האבען זיי מיט א גרויסער קראפט אוועקגע-שלעפט אויף פילסודסקי גאס.

ביי דער באהן סטאציע זענען די דערשראקענע פערד ארויף אויף א טע-לעגראפישען סלופ און צושעדיגט דעם וואגען. פונ'ם שטויס זענען די זעלנער ארויסגעפאלען אויף דער גאס. ביי איינעם פון זיי האט געפלאצט דער מח און דער צווייטער איז צוקלאפט אויפ'ן גאנצען קערפער.

די פערוואונדעטע זענען איבערגע-פיהרט געווארען אין שפיטאל אריין.

„אויספארשונגס - אגענטען" פער'-משפט צו 6 חדשים.

אויף דער בעשולדיגונגס באנק פון קרייז געריכט זענען געזעסען: וואצלאוו, יאן און קאזשימיעזש ווזשאשטשיק ווי אויך אנטאני צאבאן.

אין דער נאכט פון 27 טען שערפיען האט וואצלאוו ווזשאשטשיק פערכשע-פעט אויפ'ן שאסע דעם דורכגעהענדען יוזעף לעבעק און געפרעגט וואוהין ער געהט. ווען דער פערטשעפעטער האט געענטפערט, אז דאס איז זיין אייגענער געשעפט — האט ווזשאזשטשיק אויסגע-רופען: — „גיב אכטונג, ווייל איך בין פון אויספארשונגס אמט". היות דאס האט לעבעק'ן נישט איבערצייגט, האט ער איהם דערלאנגט מיט דער פויסט א'בער'ן קאפ.

דער „אויספארשונגס - אגענט" האט גערופען צו הילף זיין פאטער און ברו-דער, ווי אויך צאבאנ'ען, וועלכע האבען לעבעק'ן אנגעיאגט אין גארטען און איהם שטארק צושלאגען ווי אויך געמאכט 3 וואונדען מיט א מעסער און צובראכען א האנד.

דאס געריכט האט די „אגענטען" פער'משפט צו 6 חדשים תפיסה און בלויז צאבאנ'ען אבגעלעגט דאס אויס-פיהרען די שטראף.

א נייע אדוואקאטקע אין טשענ-סטאכאוו.

דעם 12 נאוועמבער ה. י. האט די טשענסטאכאווער איינוואוינערין פרל. עפשטיין, א טאכטער פון היגען כלל-טהוער און געזעלשאפטליכען עסקן ה' יצחק מענדיל עפשטיין, בעלעגט דעם אדוואקאטען עקזאמין אין אדוואקאטען-ראט אין ווארשא.

פרל. עפשטיין איז עטליכע יאהר געווען אפליקאנטין ביים טערשטאר-בענעם אדוואקאט יאן גליקסאן און לעצטענס ביים אדוואקאט מיעטשיסלאוו אידזשקאווסקי.

געפינען דאס געוועט און צוגלייך —דעם טויט

אין דארף טעבלא האבען זיך גע-וועט די צוויי פויערים סטאניסלאוו נאדקאווסקי מיט יאן קראנאס אז דער ערשטער וועט אויסטרינקען א ליטער בראנפען מיט איבערבייס.

ער האט טאקי געוויגען דאס גע-ווינס, אבער ווי נאר ער האט אויס-געטרינקען, איז ער געפאלען א טוי-טער אויף דער ערד.

פונ'ם יודאאיסטישען צענטער

פערגאנגענעם שבת, איז פארגעקו-מען די ערשטע מסבת עונג שבת פון היינטיגען סעזאן. אנ'עולם פון איבער 300 פערזאן האט אויסגעפולט דעם לעזע-זאל פונ'ם צענטער, אזוי אז די מסבה האט געמוזט איבערגעטראגען ווערען אין דער שוהל גופא.

אין דער ערעפנונגס-רעדע איז ד"ר הירשבערג מספיד הרב ר' יוסף שמעון קאבלינץ ז"ל, און ער דערמאנט אין הייסע ווערטער די פערדינסטען פון דעם גרויסען נפטר פאר דער טשענ-סטאכאווער יודישער געזעלשאפטליכ-קייט. דערנאך דערצעהלט דער רעד-נער וועגען די פלענער פון דער פער-וואלטונג פונ'ם צענטער בנוגע די מסבות עונג שבת. עס וועלען געלייענט ווערען רעפעראטען וועגען יודישע גע-שיכטע, א ציקל רעפעראטען וועגען חסידות א.ד.גל.

דערנאך רעדט א. ד. ט.: „אונזערע אבות פראפ. ב. וויינבערג, וועלכער צייכענט זיך אויס מיט זיין גייסטרייכ-קייט און טיעפען וויסען.

צום סוף האט קאנטאר פינ-קעלשטיין מהנה געווען דעם עולם מיט עטליכע געלונגענע געזאנג-פארטראגען.

דער פערזאמעלטער עולם האט זיך אויפגעהאלטען אין שוהל ביז שפעט אין אווענד, אזוי או עס האבען גע-מוזט אנגעצינדען ווערען די לעמפ.

— מארגען, שבת 3 נאכמ. קומט פאר א מסבת עונג שבת מיט דער בע-טייליגונג פון די ה"ה: גרשון פרעגער און פראפ. ד. יאנאווסקי. ה' פרעגער וועט רעדען א. ד. ט.: וואס האב איך געזעהן אין ארץ-ישראל" און פראפ. יאנאווסקי—א. ד. ט.: „דאס חסידות".

קאנטאר ה' פינקעלשטיין וועט געבען עטליכע געזאנג - פארטראגען.



מעטשען פון „מכבי".

שבת, דעם 20-טען ד.ח. 3 א זייגער נאכמיטאג, קומט פאר אין לאקאל פון „מכבי" א פינג פאנג-מעטש צווישען דער מייסטערשאפט פון „א"-קלאס צווישען „מכבי" און „אדמירא".

— דער באקס-מעטש מכבי — י.ק.ב., וועלכער האט געזאלט פארקומען די וואך, איז געווארען אבגעלעגט און וועט ווארשיינליך פארקומען דעם 28 נאוועמבער.

קאנגרעס פון קריסטליכע האנד-ווערקער אין טשענסטאכאוו.

אין ווארשא איז אויף א בעראטונג פון דער הויפט פערוואלטונג פון די קריסטליכע האנדווערקער - פעראיינען, אין וועלכען ס'געהען אריין די פרעזע-סען פון די ארגאניזאציעס פון אלע וואיעוואודזטוועס, בעשלאסען געווארען צו רופען קיין טשענסטאכאוו אין אפריל ק. י. אנ'אלפוילישען קאנגרעס פון קריסטליכע האנדווערקער.

דאס פרעזידיום איז אויפגעפאדערט געווארען אונטערצונעמען די צוגריי-טונגס-ארבייטען צום קאנגרעס.

DZIECI przy PIECU KUCHENNYM. Oczywiście, że dzieci nie powinny same gotować, ale od czasu do czasu mogą pod czujnym okiem Matki coś łatwego ugotować, n. p. śniadanie lub podwieczorek z kawy „Enrilo". Przyrządzanie tej kawy jest istotnie bardzo łatwe, gdyż jest to mieszanka już mielona, gotowa zawsze do użytku. „Enrilo" jest naprawdę doskonałym napojem na śniadanie i podwieczorek. Dobra i tania jest kawa „Enrilo".

פארבעריי און כעמישע וועשעריי

„BENETA"

ב. יאסעלעוויטשא 11
(געגענאיבער. דעם געוועלב פון דער קאפעלושארניע)

קראגענס ווערען געוואשען מיט דויער-האפטען שפיגעל-גלאנץ.

ספעציאליטעט:
1) אויפפרישען (פארבען) לעדערנע קורטקעס,
2) פארבען לויט מוסטערן,
3) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען אויפ'ן ארט),
4) כעמישריייניגען און פאסאנירען קאפעלושן,

KINO „EDEN".

אזוי ווי שאמפאניער וועט אייך פערווילען און מא-כען פרעהליך די הערליכע קאמעדיע

NIEWINNIE SIĘ ZACZĘŁO

אין דער הויפט ראל:
לארעטא יונג
הומאר! יוגענד! רייץ!

Kino „LUNA"

אין גאנץ פוילען איז נישטא, נישט אנדערטהאלבען אזעלכע צוויי, ווי זיי דריי:
די אויסגעצייכענטע דריי קאמיקער
שעלאנסקי וואלינסקי קאנדראט
אין פילם
TRÓJKA HULTAJSKA
חוץ דעם: קלאנג - צוגאבען

Kino-Teatr „STYLOWY"
Aleja 27.

מעכטיגע דראמא פון א פוילישען אולאנען-אפיציר וואס איז פערליבט אין א רוסישער פרוי — א עפיזאד פון נאוועמבער-אויפשטאנד יאהר 1830 אין מיליטערישען גארניזאן אין גראדנע.

KU WOLNOSCI

ריהרענדע איבערלעבענישען פון אנ'אפיציר ווענען דער נאוועמבער-אויפשטאנד האט געצוואונגען אויסצוזעהלען צווישען דער שטים פון הארץ און פליכט לגבי דעם פאטערלאנד.

דער נאנצער פילם איז גערעדט אויף פויליש.

פון זונטאג
ESKAPADA
מיט מארלען דיטריך

יודען פון פוילען וואס קומען נאך ארץ-ישראל

רייכערן נור די פאפיראסען

„מספרון" תל-אביב

פון דער בעוואוס-טער פאבריק

100 פראצ. יודישע ארבייט. — 16-יעהריגע עקזיסטענץ.

די בעסטע אין ארץ-ישראל

לטיף — יסמין — נרקיס — אמיר — ישוב

WORLD - RADIO
Świat w domu...

Do Miłośników muzyki!

Doszło do wiadomości naszej, że WPan od dłuższego czasu nosi się z zamiarem kupna radioodbiornika. Nie uczynił WPan tego dotychczas, ponieważ trudno WPanu zorientować się w labiryncie pojęć jak: obwody, lampy, automatyczna regulacja fadingów, superhetorydyna, magiczne oko, zakresy fal etc. etc. Pozatym utrudnia WPanu jeszcze decyzję rozmaitość modeli i cen.

W tym wszystkim przyjdzie WPanu chętnie z pomocą fachową i sumienną

Zakłady Radiotechniczne
WORLD-RADIO
Inż. Br. Fliegelman i S-ka
Spółka Komandytowa
Aleja 24 w podwórzu,
tel. 25-75.

Reprezentacja czołowych firm krajowych i zagranicznych.

Redaktor i wydawca: B. Bocian — Druk. B. Bocian. Aleje 6